STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11098

BAR-KOKHBA

Shmuel Halkin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. האלקין

באר־קאָכבא

דראמאטישע פּאָעמע

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1939

אָנטיילנעמער

שימאָן באר־קאָכבא — אלט א יאָר פינפ און צוואנציק, פונ פויערימ.
עליעזער האמוידאָי — אנ אלטער רעליגיעזער געלערנטער,
דער אָנגעזעענסטער מאנ אינ שטאָט.
אקיבא — א זאָקנ, פונ פויערימ; איינער פונ די גרונטלייגער פונ טאלמוד.
ראָכל — זײַנ פרוי.
מענאשע — א רײַכער סויכער אונ אנ אָנהענגער פונ רוימ.
יויסי — א יונגער געלערנטער, פונ דער אריסטאָקראטיע.
עליעזער האמוידאָיס טאלמיד.
עלישא — א שמיד, מײַסטער אונ אופזעער אינ שמידערײַ.
יעהוישוא — א שמיד אונ אויכ א געלערנטער, אקיבאס טאלמיד.
הילעל — א ווײַנגערטנער.
אוזיעל — א טעפער.
נאכמאָני — זײַנ זונ. אלט עלפ יאָר.
פנינא — עליעזער האמוידאָיס טאָכטער. באר־קאָכבאס געליבטע,
ברוריא — פנינעס כאווערטע.
קוסי — א יונגער שוימרוינער.
טורנוס־רופוס — דער שטאטהאלטער פונ רוימ אינ יעהודא.
סעווערוס — א רוימישער גענעראל, געקומענ פונ בריטאניע.
אנטאָניוס — א יונגער רוימישער ריטער.
לוציוס — טורנוס־רופוס׳ אייצעגעבער.
רופינא — טורנוס־רופוס׳ פרוי.
א יונגע פרוי — א זינגערנ אינ טורנוס־רופוס׳ הויפ.
זאגיר — א גריכנ, א שקלאפנ בא רופוס׳ פרוי,
א יידישער פויער.
א סירישער פויער.
טיבולוס — א פראָווינציעלער רוימישער פאָעט.
יידישער קריגסמאנ.

זקיינימ, קינדער, שמידנ, שלאכטלײַט, יידנ אונ רוימער. די האנדלונג קומט פאָר צווישנ 132—135 יאָר פונ אונדזער צײַט־ציילונג.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

א פלאַץ ניט ווײַט פון עליעזער האמוידאָיס הויז. אפן פלאַץ — באַר־קאָכבא, פנינא, עטלעכע דיסקן־ווארפער.

הילעל.

פלי, מײַן דיסק, פלי העכער, ווײַטער,
פלי, דערווײַל א שווערד פארבײַט מיר.

באַר־קאָכבא.

ניט נאָר מיט דער שווערד זיך שלאָגן,
אויך אין דעם זיי איבעריאָגן!

אלע.

היט זיך, רוים!

(באַר־קאָכבא ווארפט דעם דיסק. פון א זײַט קומט אָן: עליעזער האמוידאָי און לוציוס. קיינער באמערקט זיי ניט.)

עליעזער.

דײַן קראַפט, באַר־קאָכבא, וואָלט זיך גוט געפאַסט
פאַר טוירע לערנען... (פנינען.) טאָכטער, ס'ארא גאַסט
בא אונדז, סענאַטאָר לוציוס.

(פנינא פארנייגט זיך פארן פאָטער, נאָכדעם — פאַר לוציוסן.)

ל ו צ י ו ס.

א, באר־קאָכבא — ווייל!
מע זאָגט, אז פייער ווארפסטו פונעם מויל,
אז שטיינער כאפסטו פונעם בארג, — קעדיי
אויך אונדז זאָלסטו ווייזן, — רוים זאָל זיין דערביי!

ב א ר־ק אָ כ ב א.

אויב זעען, ווי איך ווארף, דיר ווילט זיך שטארק, —
איז פריער קריך און ווארף דעם שטיין פון בארג.

ל ו צ י ו ס.

ביסט דרייסט! ביסט אָבער פרעך, דו רעדסט צו שארף.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

ניט נאָר איך כאפ דעם שטיין, דעם שטיין איך ווארף
צוריק אין דעם, וואָס האָט אין מיר געצילט...
דערלויבט פארלאָזן אייך...

ל ו צ י ו ס.

די פריינט דיינע באגלייט,
און קום אליין צוריק.

ב א ר־ק אָ כ ב א (איבערטריבן העפלעך).

דערלויב אונדז זאלבעצווייט.
(באר־קאָכבא באווייזט אפ פנינען.)
(באר־קאָכבא און זיינע כאווײרים אָפּ.)

ל ו צ י ו ס.

דער יונג איז ניט נאָר שטארק, דער יונג איז ווילד.
ס'וואָלט ניט געשטערט אים האלטן אין א צוים.
און עפשער אָפשיקן אים גאָר קיין רוים?..

ע ל י ע ז ע ר.

מיר וואָלטן ווייניק-וואָס פון דעם פארלירן...
ווייל ער איז ניט פון די, מיט וועלכע מיר שטאָלצירן.

לוציוס.

גראָד צוליב אים כ'בין הײַנט אין שטוב בא דיר.
מע זאָגט, דײַן טאָכטער גיסטו פאר אים אָפּ.
מיר דאכט, דו קריכסט מיט א געזונטן קאָפּ
אין קראנקן בעט; ס'איז עפשער נאָך ניט שפעט.
צי ווייסטו כאָטש, אז קעגן רוים ער רעדט
און אז מיט רייד האָט ער זיך ניט באַנוגנט.
ער פירט אראָפּ פון וועג די גאנצע יוגנט,
אויך עלטערע א סאך צווישן אײַך.
דו ביסט דער עלטסטער דאָ — איז ענטפער גלײַך,
נאָר עפשער קעגן מיר, ווי ער, דו ביסט?!

עליעזער.

מײַן גוטער האר, באשולדיקסט מיך אומזיסט.
ווען ס'איז מײַן טאָכטער אלט געווען א יאָר
און אָט דער יונג א ביסל עלטער נאָר, —
זיי זײַנען שוין געוועזן א באַשערטע פּאָר:
האָב איך געקאָנט דען וויסן דאן פּאָרויס;

(עס קומט ארײַן פּנינא.)

אז יענער, ווען מען כ'נעם ארײַן צו זיך אין הויז,
וועט אופשטיין קעגן מיר. איך זאָג:
אין צאָל פון טעג זאָל ניט ארײַן דער טאָג,
ווען כ'האָב פארבונדן זי מיט אים, מיט פרייד
איך וואָלט זיי איצט צעשיידט!

(פּנינא פארנייגט זיך פארן פאָטער.)

פּנינא.

צעשיידן אונדז עס וועט ניט קאָנען קיינער,
צעשיידן אונדז — עס קאָן דער טויט אליין נאָר.

לוציוס.

דו האָסט אים ליב — ער איז דײַן ליבע ווערט.

(עס קומט אָן באר־קאָכבא.)

יאָ, זאָג מיר, דרייסטער יונג, האָסטו געהערט
פון אײַער יאָסעפס פלאוויוסן — אין זײַנע ווערק,

וואָס זײַנען שטאַרק בײַ אונדז אין רוים פאַרשפּרייט געוואָרן..
דערציילט ער פֿון אַ ייִדן איינעם באַר־גיאָראַ*,
וואָס האָט אַזוי ווי דו געפּרוּווט...

באַר־קאָכבאַ.

כ'וואָלט דעם פאַרעטער יאָסעפֿ פֿלאַוויוסן געקרייצט:
מיט ליגנס וועגן אונדז ער האָט גאַנץ רוים פאַרפּלייצט.
ער האָט זײַן בוך אין רוים און צוליב רוים געשריבן —
פֿאַר אונדז איז ער — אַ רוימער, און פֿאַר רוים — אַ ייִד געבליבן...
אַ קינד אין גאַס פּרוּוו פֿרעגן — באַר־גיאָראַס נאָמען קאָן...

לוציוס.

ווו ער האָט ענדיקן געמוזט — דאָרט הייבסטו אָן?

באַר־קאָכבאַ.

ניט שטענדיק, ווו עס ענדיקט זיך, — דאָרט איז דער סאָף.

לוציוס.

איר זײַט מער קלוג, ווי שטאַרק, און איך פֿאַרהאָף,
אַז דו פֿאַרשטייסט, אַז האָבן ווערסט דעם זעלבן סאָף.

באַר־קאָכבאַ.

דערפֿאַר איז אָבער רוים מער שטאַרק, ווי קלוג,
אויף אײַנברעכן אַ פֿאָלק איז עפּשער דאָס גענוג,
נאָר אָט, אויף אײַנהאַלטן דאָס פֿאָלק אין האַנט
אַבוּץ דער קראַפֿט איז נייטיק נאָך פֿאַרשטאַנד...

עליעזער.

איך האָב געוואָרנט דיך, געשטראָפֿט, געטריבן,
און דו ביסט נאָך ביז הײַנט בײַ דײַנס געבליבן.
מיט גאָט, וואָס הייליק איז, כ'וועל דיך באַשווערן,
זאָלסט אויפֿן וועג אַהער זיך מער ניט קערן.
מײַן קינד צו דיר וועט ניט געהערן...

* אַ העלדישער פֿירער אינעם אויפֿשטאַנד פֿון די ייִדן קעגן די רוימער אַרום דעם יאָר 70 פֿון אונדזער ערע.

פ נ י נ א.

פון שטוב, פון שטאָט, פון לאנד קאָנסט אים פארטרייבן,
בא מיר אין הארצן וועט ער סייוויסיי פארבלייבן.

ע לִ י ע ז ע ר.

זיי שטיל, מיין קינד, דו זינדיקסט מיט די רייד!

ב א ר־ק אָ כ ב א (פאר זיך).

געבענטשט זאָלסט, פנינא, זיין פאר אָט דער פרייד!

ל ו צ י ו ס.

כ'וויל וואָר'נען זי, אז לאנג וועט ער ניט ריידן,
אז אָט דאָס ריידן וועט זיי זייער גיך צעשיידן.
איך מוז שוין גיין...

ע לִ י ע ז ע ר.

און איך וועל דיך באגלייטן.

(אָפּ.)

ב א ר־ק אָ כ ב א (שרייט אויס צו די באוויירים).

צוריק איר קאָנט שוין קומען.

(צו פנינען.)

ס'וואָלט אזוי ניט וויי טאָן,
דער אלטער עלִיעזער זעט דאָך אָבער גוט,
ווי גאָר דאָס פאָלק באוואשט זיך איצט מיט בלוט,
און ער בייגט איין דעם קאָפּ און קושט די רוט.

פ נ י נ א (פארלאָרן).

און עפשער פאָרט עס ווייסט דער פאָטער, וואָס ער טוט?

ב א ר־ק אָ כ ב א.

כ'האָב, פנינא, ליב דיך, ווי די זונען־שיין!
נאָר אָט די רייד, זיי קאָנען אפּ דער זון א וואָלקן זיין.

(ע לִ י ע ז ע ר קערט זיך אום.)

עליעזער.

פון היינט — דער וועג צעווישן אייך זאָל ווערן קרום.
איך פאָטערס הויז אליין, מיין טאָכטער, קער זיך אום.

(עליעזער מיט פנינעו גייען אוועק. עס קומען אָן באר־קאָכבאס כאוויירים.)

הילעל.

נאָך וואָס איז אָט דער לוציוס איצט אהער געקומען?
האָסט איך די אויגן זיינע זיכער אויסגענומען...

באר-קאָכבא.

נאָך וואָס ער איז געקומען ווייס איך ניט,
צי האָב איך אויסגענומען — ארט מיך ניט,
מיט וואָס ער איז אוועק — דאָס ווייס איך גראָד.
איך מוז פארלאָזן גלייך די שטאָט.
אויך אייך איך אייצע — פאַרזיכטיקער זיין.
קיין רעגע זיך ניט זאמען אפ מיין רוף,
און דאָס וועט זיין דער פּרווו!

אלע

(שלעפן ארויס קורצע רוימישע שווערדלעך, זינגען אוועקגייענדיק).

פלאנצן גערטנער קאָנען מיר,
שמידן שווערדן קאָנען מיר,
און דעם פיינט דערמאָנען מיר:
אונדזער פרייהייט מאָנען מיר!..

(וואָס ווייטער ווערט דאָס געזאנג אלץ שטילער.)

דאָס צווייטע בילד

א שמידעריי, ניט ווייט פון דער שטאָט בעטער.

יעהושוא.

מיט די שטאָלצע צעדער פון לעוואָנען
מעסטן יונגע אונדזערע מיר קאָנען.

אלע.

פרויען פלינקע, בייגיקע ווי צווייגן,
ווען זיי זינגען, בלייבן פויגלען שווייגן.

יעהוישוא.

ווי דער יאם — די כאָכמע פון די זקיינים,
טיפער נאָך פון הימל פונעם ריינעם.

אלע.

ווער זשע וועט זיי אלעמען באפרייען, —
קראפט און גוט געשליפענער קליזייען.
(מע נעמט זיך האסטיקער צו דער ארבעט, מיט געזאנג.)

צוואנג און קלאמער
אין די הענט,
אונטער האמער
גליט און ברענט.
ביז דאָס אייזן
ברענט און גליט, —
שמידט און שמידט,
און ווערט ניט מיד!

עלישא.

פארלאָז די ארבעט, קוסי, גיי און זאָג
די רוימער, אז נאָך היינט, צום סאָף פון טאָג,
וועט זיין אינגאנצן פארטיק דאָס געוועהר,
וואָס זיי האָבן בא אונדז באשטעלט;
און אויב די ארבעט אונדזערע געפעלט,
מיר נעמען אונטער זיך נאָך מאכן מער.

קוסי.

עלישא, כ'גיי, גיב אכטונג אפן פייער.
(אָפּ.)

עלישא.

א קוסי, ניט קיין ייִד, און ווי א קינד מיר טייער.
איצט לאָמיר זעען, וויפל היינטיקס מאָל
געוועהר עס וועט אוועק צום אימפעראטאָר,
און וויפל אונדז וועט איבערבלייבן.
ווייל מיט פארגרעסער־גלעזער קוקן זיי און קלייבן:

אפ אָט דער שווערד דער קאַנט ניט איבעריקס קיין גלאַטער,
די טויג אוואַדע ניט: צו טונקל איז דער שטאָל...
דערפאַר די שאָמרים אונדזערע פון טאָל,
זיי וועלן געבן פאַר א שווערד אזא זיך נעמען,
און אויך די שטאָטלייט וועלן זיך ניט שעמען
דעם פאַנצער אָנטאָן, אויב ער לייכט ניט ווי די זון...

(יעהוישוא מעסט זיך אָן א פאַנצער. אַלע רינגלען ארום עלישען. יעדערער באַווייזט, וואָס ער האָט אופגעטאָן. עס קומט האַסטיק אריין יויסי, א הויכער, מיט א באַגייסטערט פּאָנעם.)

עלישא.

וואָס איז מיט דיר, וואָס איז געשען, מיין זון?

יויסי.

א סאַך דערקלערן דיר, עלישא, איז פאַרשפּאָרט,
פון היינט איז דאָ, אין שמידעריי, מיין אָרט.
די רוימער האָבן אָפּגעגעבן א באַפעל,
אז אויסטאָן זאָל מען יעדן איינציקן די פעל,
פאַרגלייכן זאָל מען מיט דער ערד די שטעט,
אראָפּטראָגן די בערג, צעווישן וועלכע נאָר מע וועט
אונדז, יונג־געלערנטע, דאָרט מאַכן גרייט
צו פירן ווייטער נאָך די דוירעסדיקע קייט,
און אַלץ — קעדיי אונדז אָנטאָן אפּן האַלדז
דעם יאָך פון רוים, דערשטיקן אונדז מיט אים,
אוועקרויבן די שפּראַך צוזאַמען מיט דער שטים,
באַגליקן אונדז און געבן אונדז דאָס רעכט
שטאָלצירן מיטן נאָמען רוימער קנעכט,
ווי ס'הייסט דער גאַנצער קאַנט, אווו די זון גייט אופ...
נאָר אונדזער גלייכן וועט דערהערן אונדזער רופ
און אופשטיין קעגן זיין באַדריקער דאָ און דאָרט...
באַוויַיז, עלישא, מיר אין שמידעריי מיין אָרט.

יעהוישוא.

קום, יויסי, שטעל זיך דאָ, — ס'איז נאָך ניט שפּעט.
ניט איין מאָל האָב איך וועגן דעם מיט דיר גערעדט,
גערופן דיך אהער, דו האָסט מיך ניט געהערט,

געטײַנעט, אז דאָס וואָרט איז שארפער פון א שווערד.
וואָס ווערסטו זאָגן איצט? דאָס וואָרט טרעפט אויך נאָר דאן,
ווען ס'איז אין אים א שארפע שווערד פאראן.

ע ל י ש א.

ביסט גערעכט, יעהוישוא, גערעכט:
ניט מיט ווערטער באפרייען זיך קנעכט,
אָן א ווינט שטורעמט קיינמאָל קיין בוים —
ניט מיט טרערן ווערסט אײַנבעטן רוים.
צו דער ארבעט!..

א ל ע.

צוואנג און קלאמער
אין די הענט,
אונטער האמער
גליט און ברענט.
ביז דאָס אײַזן
ברענט און גליט, —
שמידט און שמידט,
און ווערט ניט מיד!

ע ל י ש א.

ווער ס'ארבעט גוט — דעם עסט זיך גוט.
נו, איצטער גייט א ווײַלע — רוט.

ע ר ש ט ע ר ש מ י ד.

ווער ס'ארבעט שלעכט — דעם עסט זיך שלעכט.

צ ו ו ײ ט ע ר ש מ י ד.

גערעכט.

(צעגייען זיך. אין שמידערײַ בלײַבט איבער אליין עלישא באם אויוון. עס קומען ארײַן א ו ז י ע ל און נ א כ מ א ָ נ י. עלישא זעט זיי ניט.)

א ו ז י ע ל (זינגט).

בא מײַן היים
האָב איך ליים,

טיפער גראָב איך —
האָב איך ליים,
גראָב איך —
האָב איך ליים...
מיט די פיס איך טרעט אים,
מיט די הענט איך קנעט אים.
ס'ווערט געשמיערט מיט די הענט,
דורכן פייער אָפּגעברענט:
קיילים אָפּגעברענט.

נ א כ מ אָ נ י.

אלטנ ווײַנ,
יונגנ ווײַנ
נײַע קיילים
האלטנ איינ.
יונגנ ווײַנ,
אלטנ ווײַנ
נײַע קיילים
האלטנ איינ.

א ו ז י ע ל.

כ'טראָג איבער די הויפנ,
ווער עס וויל—קאָנ קויפנ.
כ'בעט ניט טײַער
פארנ ליים,
פײַער שלאָג איך אויס
אליינ —
פײַער פונ א שטיינ.

נ א כ מ אָ נ י.

אלטנ ווײַנ,
יונגנ ווײַנ...

א ו ז י ע ל.

שאָלעם דיר, עלישא...

עלישא.

שאָלעם דיר, אוזיִעל...

אוזיִעל (ווײַזט אַ נאַכמאָני).

ער האָט מיך אהער געשלעפּט,
עפּשער דאַרף עלישא טעפּ?
(די שמידן הייבן זיך אָן ווידער צונויפקלײַבן.)

עלישא.

אַ גאַסט — נאַכמאָני! קינד מײַנס, גיכער זאָג:
מיט וואָס האָסטו פאַרענדיקט הײַנט דעם טאָג
אין שול, מיט וועלכע ווערטער ביסט פון דאָרט אַרויס?

נאַכמאָני.

מיר האָבן ניט געלערנט אין קיין הויז —
מיר זײַנען ניט אַרײַן און ניט אַרויס.
מיר האָבן פון די רוימער זיך באַהאַלטן
אין באַרג, אין איינעם פון די שפּאַלטן.
מע האָט אונדז דאָרט געכאַפּט, פאַריאָגט, צעטריבן,
די לערערס זײַנען ליגן דאָרט געבליבן...

יוסי.

אַז פּיקן זאָלן זייער לײַב די ראָבן.

אוזיִעל (קוקנדיק אַף די טעפּ).

דער ליים האָט הײַנט געטרערט, ווען איך האָב אים געגראָבן.

יעהושוע.

דער אויפֿעם גרייט זיך שוין, די אופרעגונג איז גרויס.
באַר־קאָכבאַ שוין צו לאַנג באַהאַלט זיך אויס.

עלישא.

באַר־קאָכבאַ איז בא אונדז דאָס אויג פון קאָפּ.
דאָס אויג מיר היטן שטענדיק בעסער אָפּ.

דאָס אויג מיר האלטן מערער פונדערווייטן,
פארלירן מיר באר־קאָכבא, ווער וועט אים פארבייטן?

יעהוישוא.

ראבי אקיבא איז נאָך אויך אין וועג.
שוין לאנג באדארפט זיין דאָ, מיר ציילן שוין די טעג.
ווען ער וועט קומען אָנזאָגן, אז אלץ איז גרייט
צום אופשטאנד.

אוזיעל (דערשראָקן).

אלץ איז גרייט צום אופשטאנד?..

יוסי.

שטילער, עמעצער דאָרט גייט.
ווער קאָן דאָס זיין?

נאכמאָני.

ראבי אקיבא וועט אין שטאָט אריין,
און ס'וועט זיך אָנהייבן... עלישא ווייס...
ער זאָגט: די רוימער וועט זיין הייס!

(מע נעמט זיך ווידער צו דער ארבעט. הילעל קומט מיט א קויש ווייַנטרויבן.)

הילעל.

הילעל־הילעלן ניט פארשעמט,
זיסע וויינטרויבן בא אים נעמט.
איר וועט, שמידן, זיין צופרידן,
שפּרינגט אראָפּ און דאנקט מיר אָפּ.
איר וועט, שמידן, זיין צופרידן —
פרישט זיך אָפּ און דאנקט מיר אָפּ.
הילעל־הילעלן ניט פארשעמט,
פרישע וויינטרויבן בא אים נעמט.

(אלע נעמען וויינטרויבן.)

יעהוישוא.

אוזיעל, יענע קיילע וויַיז אהער,
עס זאָלן וויינטרויבן אריין וואָס מער.

ה י ל ע ל.

הילעל־הילעלן ניט פאַרשעמט,
זיסע ווײַנטרויבן מערער נעמט.
(ער מעסט די ווײַנטרויבן.)

הילעל איז ניט זייער קאַרג,—
יעדן מעסט ער מיט א באַרג.
(יעהושוא העלפט הילעלן אָנפילן זײַן קויש מיט געווער. פון אויבן שפּרייט ער אויס ווײַנטרויבן.)

ע ל י ש א.

זע נאָר, הילעל, זײַ געהיט,
מיט אזעלכעס שפּילט מען ניט.

ה י ל ע ל.

דו קאָנסט מיר פאַרגלויבן,—
ס'איז ניט אזוי שווער:
די ווײַנטרויבן — אויבן,
און אונטן — געווער.

ע ל י ש א.

זאָג, נאַכמאָני, וואָס איז בעסער:
אלטער ווײַן אין נײַע פעסער,
צי פאַרקערט, ווען טוסט אַרײַן
אין די אלטע — נײַעם ווײַן?

נ א כ מ אָ נ י

(אָנווײַזנדיק אַף הילעלס קויש מיט געווער).

אלטן ווײַן,
יונגן ווײַן
נײַע קיילים
האַלטן אײַן.
יונגן ווײַן,
אלטן ווײַן
נײַע קיילים
האַלטן אײַן.
(פון דרויסן דערטראָגט זיך א טומל. אלע שטרענגען זיך אָן.)

ע ל י ש א (צו הילעלנ).

נעמ גיכ דעמ קויש אונ גלײַכ ניט ווער.

ה י ל ע ל.

ניט ווערנ איז א קלײניקײַט,
אפ קומענ צוריק באדארפ מענ צײַט.
(שטיל.)

הילעף־הילעלנ ניט פארשעמט,
זיסע ווײַנטרויבנ בא אימ נעמט.

נ א כ מ אָ נ י.

שוינ לאנג איכ טײַנע מיט דיר אײַנ,
אז גיכ וועט א מילכאָמע זײַנ...

א ו ז י ע ל.

מײַנ זונ, אונ דו האָסט זיכ דערפרייט?

נ א כ מ אָ נ י.

וועד — איכ? כאָטש הײַנט! כ'בינ גרייט.

י ע ה ו י ש ו א.

וואָס איז דאָ צו טראכטנ לאנג?
יויסי, נעמ אינ האנט די צוואנג,
דו, נאכמאָני, גיכ צומ פײַער!

(מע נעמט זיכ אײַליק צו דער ארבעט. הילעל מיטנ געווער באווײַזט ניט ארויס־גײנ. באגלייט פונ נאָכ צוויי רוימישע סאָלדאטנ קומט אָנ א נ ט אָ נ י ו ס. ער גייט האסטיק ארײַנ אינ שמידערײַ. נאָכ זיי — ק ו ס י. נאכמאָני, וועלכער האָט געהאלטנ אינ האנט א שווערד, באהאלט זי אינ א הויכנ ליימענעמ קרוג, אפ וועלכנ עס זעצט זיכ אוועק אוזיעל. די ארבעט ווערט איבערגעריסנ. אלע רינג־לענ ארומ עלישענ. אוזיעל בלײַבט זיצנ אפנ קרוג מיטנ געווער. ער קריצט פארשיידענע געמעלנ אפ א ליימענעמ פײַפל.)

א נ ט אָ נ י ו ס.

די ארבעט אײַערע געפעלט אונדז שטארק:
די שווערד, זי האקט אראָפ דעמ קאָפ פונ קארק,

און אפּן שטאָל בלײַבט נאָר א רויטער טוי,
וואָס גיט אים צו נאָך מערער גלאַנץ, אַזוי
אַז ס'הערט דער מענטש אפילע ניט דעם שניט...
נאָר איר צו אונדז האָט אויך קיין טענות ניט:
מיר צאָלן אָפּ פאַר יעדער גרייטער שווערד,
וואָס ווערט באַטראַכט און אָנגענומען ווערט.
און אויב מיר נעמען ניט — ווײַל איר האָט שלעכט
די ארבעט אויסגעפילט, — מיר האָבן רעכט
אײַך צווינגען איבערשמעלצן נאָכאמאָל
און נאָכאמאָל, ווײַל אונדז דאָס שטיקל שטאָל
איז טײַערער א סאך פון אײַער שוויס.
איר טוט ניט דאָס, וואָס דער באַשטעלער הייסט:
מע האָט איין וועג געכאַפּט שוין ניט איין שווערד,
וואָס שטאַמט פונדאַנען און וואָס אונדז געהערט.

(ער גייט צו צו הילעלס קויש. אלע בלײַבן ווי פאַרגליווערט. ער נעמט ארויס א הענגל ווײַנטרויבן און ווארפט אוועק צוריק אין קויש. אלע אָטעמען לײַכטער אָפּ.)

כאָטש ס'איז אָפּ דעם קיין שטעמפּל ניט פאַראַן...
נאָר ווער ס'פאַרמאָגט א ברעקעלע פאַרשטאַנד
אין קאָפּ, וועט אָפּנארן אים זײַן ניט לײַכט.
מע נעמט א שווערד, א צווייטע, מע פאַרגלײַכט,
און ס'ווערט באַלד קלאָר, פון וועלכער שמידערײַ
זי קומט. און וואָר'נען מוז איך אײַך דערבײַ,
אַז אויב נאָר מע געפינט געווער בײַ עמעצן פון אײַך,
באַצאָלן מיטן לעבן וועט ער גלײַך.
עלישא, וואָס וועסטו מיר ענטפערן דערויף?

(אלע שווײַגן.)

דער ערשטער דו וועסט אפּן קרייץ ארויף.
נאָך דיר האָט זיך דער טויט שוין לאַנג פאַרבענקט.

(צו די באַגלייטער זײַנע.)

נו, קומט. (צו עלישען.) דערווײַל, עלישא, דאָס געווער
אין אָרדנונג ברענג.

(אנטאָניוס און זײַנע באַגלייטער גייען איבער דער שמידערײַ, באַטראַכטן דאָס געווער. ווען זיי דערווײַטערן זיך, כאַפּט יוסי אין האַנט א שווערד.)

יוסי (שטילערהייט).

ווער ווייסט, נאָך וועמען האָט דער טויט פאַרבענקט זיך מער.

אוזיִעל (זינגט פאר זיך).

איין אוזיִעל ארבעט,
און דער צווייטער מאָלט,
אָבער פארן מאָלן
נעמט ער קיין געצאָלט.

(אנטאָניִוס און זײַנע באגלייטער קערן זיך אום, אנטאָניִוס שטויסט זיך אָן אפ אוזיִעלן.)

אנטאָניִוס.

וועג אלע שטייען — איינער דו נאָר זיצסט?!

אוזיִעל.

אוזיִעל איז פארנומען, אוזיִעל קריצט,
אוזיִעל מאָלט דיר אויס א בלום.
ארום בלום עס פליט ארום
א בין, א בין, א בייזע בין...

אנטאָניִוס (מיט צאָרן).

שטיי אופ!

אוזיִעל (ער מאכט זיך ניט הערנדיק).

ווער איך בין? ווער איך בין?
כ'בין, איך בין — א בין...

(א רוימישער סאָלדאט דערנעענטערט זיך צו אוזיִעלן. נאכמאָני פארשטעלט אים דעם וועג. ער ווענדט זיך צו אנטאָניִוסן.)

נאכמאָני.

מײַן האר,
עס איז דער קאָפּ אים אָפּגעשוואכט.
אָט ווי דו זעסט אים — טאָג און נאכט,
די הייבסט אים אופ, צוריק ער פאלט,
אפ גאָר דער גאס ער מאכט א גוואלד,
ער נעמט זיך רײַסן פאר די האָר, —
שוין באלד א יאָר ער איז ניט קלאָר.

אוזיִעל (זינגט).

ווו איך קום, איז דאָ א בלום,
ווו א בלום, איך נעם ארום,

ווײַל איך בין, ווײַל איך בין,
ווײַל איך בין — א בין.

אנטאָניוס.

שוין צופיל דולע גייען אום דאָ אף דער פרײַ...
וואָס טוען דולע דאָ אין שמידערײַ?

אוזיעל (זינגט).

איין אוזיעל ארבעט,
און דער צווייטער שפילט;
שפילן אָבער מוז ער,
טוט אים, וואָס אירווילט.

(אנטאָניוס כאפט בא אים ארויס דאָס פײַפל, טוט עס א שלײַדער אָן דר׳ערד.
דאָס פײַפל צעשיט זיך אף שטיקלעך. אנטאָניוס און זײַנע באגלייטער — אָפּ.)

אוזיעל.

נאכמאָני, גיי אהער,
מײַן זון, צעבראָכן ליגט מײַן פײַפל אף דער ערד,
פאר אָט דעם פײַפל לייג ארײַן אהערצו נאָך א שווערד.
(עלישא דערלאנגט אים א שווערד אין האנט, אונטערברומענדיק מיט צאָרן
„צוואנג און קלאמער אין די הענט".)

קוסי.

ער האָט דעם גאנצן וועג געשריען און געדראָט,
אז קרייצן וועט מען אונדז אינמיטן שטאָט.
(אָנווײַזנדיק אף עלישען.)

דעם ערשטן דיך, דעם לעצטן מיך.
דערפאר, וואָס כ׳בין ניט פון די יידן
און האלט פאר איינס מיט אײַך — די שמידן.

אלע.

שוין גענוג צו פלאָגן זיך,
פון הײַנט אָן מיר זאָגן זיך:
ווי די אָדלערס טראָגן זיך,
ווי די לייבן שלאָגן זיך.

פאָרהאנג.

(אפ דער אוואנסצענע גייט דורכ הילעל מיטנ קויש אפנ קאָפּ. אנטקעגנ קומט אָנ א פויער.)

פויער.

זאָג, ווו איז דאָ די שמידעריַ?

הילעל.

אָט דאָ דערבײַ.
וואָס דארפסטו דאָרט?

פויער.

וואָס קאָנ איצטער א פויער דארפנ?
אויב ניט קיינ אקערײַזנ, איז א מעסער שארפנ.

הילעל.

פונוואנענ קומט א מענטש, פונ ווײַט?

פויער.

ווײַט ניט ווײַט — א שווערע צײַט.
די רוימער שינדנ גאָר די הויט:
פונ ברויט, פונ ווײַנ, פונ וואָל, פונ לײַנ,
פונ גרינסנ — צינזנ טראָגט ארײַנ.
דאָס אומגליק האָט דעמ דאָרפ נאָכ מער געטראָפנ.
א סאכ, א סאכ עס זײַנענ זיכ צעלאָפנ.
צו שווער דער יאָכ... די לעצטע יאָרנ —
פונ דאָרפ א מידבער איז געוואָרנ.
האָב איכ מײַנ הויזגעזינד גענומענ
אונ בינ אינ שטאָט געקומענ.

הילעל.

איר מיינט, אינ שטאָט איז גרינגער?
דאָ זויגט מענ ווײַנ פונ פינגער?

(זיי צעגייענ זיכ. אנטקעגנ, פונ פארשיידענע ריכטונגענ, קומענ אָנ קינדער, צווישנ זיי נאכמאָני. זיי שטעלנ זיכ אָפּ, שפּילנ אונ ווײַזנ קונצשטיק, זינגענדיק דערבײַ.)

דער עלטסטער (זינגט).

ווענ איר ווײסט,
ווענ איר ווײסט,
טורנוס־רופוס
ווער עס הײסט?

הילעל.

אדעראבע, אדעראבע, לאָמיר הערנ,
אדעראבע, אדעראבע, זײער גערנ.

פויער.

אדעראבע, מירנ אײַכ ניט שטערנ.

דער ייִנגסטער (זינגט).

בא מײַנ פעטער הינטלעכ צווײ, הינטלעכ צווײ,
טורנוס — רופוס הײסנ זײ, הײסנ זײ.

כאָר.

טור־טור־טור, רו־רו־רו! (צווײ מאָל.)
טורנוס לאָזט אונדז ניט צורו.

דער עלטסטער.

ווענ איר ווײסט,
ווענ איר ווײסט,
טורנוס־רופוס
ווער עס הײסט?

אײנער.

אדריִאנוס קײסער,
אינ א שאָ א הײסער,
אינ א טאָג פונ צאָרנ
האָט אימ דאָ פארלאָרנ,
זיכ אינ ווײמ באזעצנ
אונ אפ אימ פארגעסנ.

ווען איר ווייסט,
ווען איר ווייסט...
טורנוס־רופוס
ווער עס הייסט...

דער יינגסטער.

בא מייַנ פעטער הינטלעך צוויי, הינטלעך צוויי,
טורנוס — רופוס הייסנ זיי, הייסנ זיי...

כאָר.

טור־טור־טור, רו־רו־רו! (צוויי מאָל.)
טורנוס לאָזט אונדז ניט צורו.

סאָפ פונ ערשטנ אקט.

צווייטער אקט

דאָס ערשטע בילד

אינ וואלד. עס קומט ארײַנ מענאשע מיט זײַנע דינער.

מענאשע.

דעמ אימפּעראטאָרס טאָכטער דורכפאָרנ מוז דאָ,
ווײַל ס'איז קיינ וועג קיינ בעסערער פאר איר ניטאָ.
אָט דאָ ניט ווײַט פונ וועג איכ וועל זי אָפּווארטנ א ווײַל,
אונ איר גייט מיטנ וואלד אונ רוט זיכ אָפּ דערווײַל.

(די דינער אָפּ.)

זי זאָל דערמאָנענ פארנ קייסער מיכ אונ מיכ געדענקענ —
איכ וועל דעמ גורט אונ אָט דעמ רונג איר שענקענ.

(קוקט אפנ ברילליאנט.)

ווי אינ קישעפ זע איכ אלץ אינ אָט דעמ רונג:
איכ זע דאָרט רוימ — א פאָלק, וואָס איז נאָכ פריש אונ יונג,
א שטאָט, וואָס איז דאָס הארצ פונ גאָר דער וועלט,
איכ זע יעהודא דאָרט, וואָס האָט אנטקעגנ זיכ געשטעלט
אונ איז צעווישנ רוימער רײַטוואָגנס געוואָרנ שטויב...
איכ זע אויכ דיכ, באר־קאָכבא, דאָרט...

(דערהערט א געזאנג, פּנינא קומט אָנ. מענאשע בלײַבט אומבאמערקט.)

פּנינא.

א גרוס דיר, וואלד, א גרוס דיר, יעדער בוימ באזונדער!

עס קאָן דאָ יעדער בוים זיך אָנדערציילן וואונדער.

(זי גייט צו צו באר־קאָכבאס בוים *.)

באר־קאָכבאס בוים. ווי שטאָלץ ער וואקסט, ווי שיינ.
קיינ שווערעמס וועלנ דיך פונ אָרט ניט רירנ;
פונ קינדווייז אָנ, ווען איך זאָל ניט גיינ, —
צו אָט דעמ בוים די וועגנ מיך פארפירנ.

(זי גייט צו צו איר בוים. זינגט.)

ארומ מיינ קאָפּ — זיינ לינקע האנט.
זיינ רעכטע ט'מיך ארומגענומענ;
ווענ וועלנ מיר שוינ זיינ באנאנד, —
ווענ וועסטו צו מיר קומענ?

צו מיינ געלעגער טראָגט צו ווינ,
טראָגט עפּל צו אונ שפּרייט אויס בלומענ;
ווענ וועלנ מיר צוזאמענ זיינ?
ווענ וועסטו צו מיר קומענ?

דיינ אָטעמ כ'הער אינ רויש פונ וואלד,
דיינ שטימע הער איך אינ זיינ ברומענ;
אינ שענסטנ צעדער — דיינ געשטאלט,
ווענ וועסטו צו מיר קומענ?..

(מענאשע בלייבט שטיינ צווישנ באר־קאָכבאס אונ פנינעס בוים.)

מ ע נ א ש ע.

אונ צווישנ אייך — איז קיינמאָל קיינער ניט געשטאנענ?

פ נ י נ א (דערשטוינט).

ווי קומסטו אָנ אהער... פונוואנענ?

מ ע נ א ש ע.

פונ אונטער דער ערד.
אז כ'האָב דאָ ניט קיינ בוימ,

---

* עס איז דעמלט געווענ א מינהעג: ווענ עס איז געבוירנ געוואָרנ א יינגל, פלעגט מענ פלאנצנ אינעמ וואלד א צעדער־בוימ, א מיידל — אנ אקאציע־בוימ. באמ פלאנצנ די ביימער פלעגנ זיך די עלטערנ אָפּט צונויפרעדנ, אז זייערע קינדער זאָלנ גרויסערהייט ווערנ כאָסנ־קאלע. פונ די ביימער האָט מענ דערנאָך געשניצט די כופּע־שטאנגענ.

איז מיר דער וואַלד פאַרוועלקט?
אַט דו, וואָס טוסטו איצט אין וואַלד?

פ נ י נ א.

ברוריא דאַרף קומען באַלד...

מ ע נ א ש ע.

און ניט באַר־קאָכבא?

פ נ י נ א (לאָזט זיך גיין).

עס וועט דער פאָטער זיין אין כּעס, איך איל.

מ ע נ א ש ע.

אפילע בא דיין פאָטער כ׳האָב פאַרדינט
א ווייל
פאַרברענגען זאָל מיט מיר זיין קינד.
איך זאָג דיר צו, ס׳וועט אים ניט זייער באַנק טאָן...

פ נ י נ א (איראָניש).

ער וועט נאָך עפּשער דיך, מיין האַר, דערפאַר באַדאַנקען.
(פנינא לאָזט זיך גיין, מענאשע פאַרשטעלט איר דעם וועג.)

מ ע נ א ש ע.

איך גאַר דיך שטענדיק זען אין מיינע ווענט.
איך קוש דאָס אָרט, ווו דו האָסט מיט די הענט
זיך צוגערירט.
(עס דערהערט זיך א געשריי: „פנינא! פנינא! כ׳קאָן דיך ניט געפינען!”)

פ נ י נ א (צופרידן).

ברוריא גייט!

מ ע נ א ש ע (אוועקגייענדיק).

מיר וועלן טרעפן זיך נאָך זאַלבעצווייט.

(אָפּ. עס קומען אָן ב ר ו ר י א און ר אָ כ ל. פנינא קוקט אפ דער אלטער
ראָכל מיט פאַרוווּנדערונג.)

ר אָ כ ל.

וואָס קוקסט מיך אָן אַזוי פאַרוואונדערט, קינד?

פ נ י נ א.

ניט שאבעס און ניט יאָנטעוו איז אַצינד,
און דו האָסט אָנגעטאָן דיין שענסטן קלייד...

ר אָ כ ל.

ס'איז, פנינא, היינט בא מיר א גרויסע פרייד:
אקיבא קערט זיך אום פון ווייטן וועג.
די לעצטע צייט כ'האָב שוין געציילט די טעג,
א טאָג האָט זיך געצויגן, ווי א יאָר.
איר מיינט אוואדע, איר, די יונגע גאָר,
איר קאָנט זיך איינס דעם צווייטן ניט דערוואַרטן...
און אונדז, די אַלטע לייט, אונדז אויך ניט. —
אקיבא האָט געשיקט פאַר הונדערט מייל
א מענטש, ער זאָל מיר אָנזאָגן דערווייל,
אַז ער וועט זיין אינגיכן שוין צוריק.

פ נ י נ א.

און מיר האָט שימאָן אָנזאָגן געשיקט:
ער וויל מיין פאָטער מער ניט זען...

ר אָ כ ל.

וואָס איז געשען?

פ נ י נ א.

ניט פרעג.
דער פאָטער האָט געשטעלט זיך אונדז אין וועג.

ב ר ו ר י א.

אָט מיר וועט קיינער זיך אין וועג ניט שטעלן,
ווייל קיינעם האָב איך ניט, ווייל איך בין עלנט.

מײַנ פּאָטערס לײַב — האָט מענ צעלעכערט װי א זיפּ,
מײַנ שװעסטערס שײנקײַט — זעטיקט פרעכע זינ פונ רוימ,
אונ, שמײכלענדיק צו זײ, איר ליבסטנ זעט אינ טרוימ...

פּנינא.

דערפאר א קוש טאָנ פרײַער כ׳װעל באר־קאָכבאס שװערד
אונ נאָכדעמ — אימ, אויב שלאָגנ זיכ איז אימ באשערט.

ברוריא.

איכ האָב געהערט, מע רעדט, מע זאָגט:
אקיבא קומט, מיט זיכ ער טראָגט
אזא געװער, װאָס טויטנ קאָנ...
נאָר מיטנ אויג מע זעט ניט אָנ.

ראָכל.

קאָנ זײער זײַנ, מײַנ קינד.

פּנינא.

אונ איכ האָב אויכ אזוינס געהערט:
אקיבא טראָגט מיט זיכ א שװערד,
אונ ניט קײנ שװערד, נאָר הוילע װוּנדער:
אײנ סוינע שלאָגסט, אונ ס׳פאלנ הונדערט.

ברוריא.

אונ נאָכ עפּעס האָב איכ געהערט:
װי אָפּגעבנ ער װעט די שװערד
באר־קאָכבאנ — שימאָנעס אינ האנט,
גלײַכ ליכטיק װערנ װעט אינ לאנד.

ראָכל.

אזוי װעט זײַנ, מײַנ קינד.

(ראָכל צעזעגנט זיכ. אָפּ.)

פּנינא.

די צײַט װאָלט זיכ אזוי גאָר ניט געצויגנ,
װענ ער װאָלט ניט געשטאנענ פאר די אויגנ.

ב ר ו ר י א.

בענק אזוי ניט, פנינא, דימענט מײַנער, פנינא,
עס האָט באר־קאָכבא ליב דיך, ווי באר־קאָכבאַן — דו,
נאָר זע, ער זאָל דיך שטענדיק א לוסטיקע געפינען,
ער זאָל אין דײַנע אָרעמס געפינען שטענדיק רו.
(עס קומט אָן זאגיר.)

ז א ג י ר.

ווי גייט מען דאָ פון וואלד ארויס?

ב ר ו ר י א.

וועגן זײַנען צוויי פאראן:
אײנער קורץ, דער צווייטער — לאנג,
אויב דו ווילסט פארשפּאָרן גאנג,
גיי מיט יענעם, וואָס איז לאנג.
(זאגיר צעלאכט זיך.)

ז א ג י ר.

א דאנק. (קלײַבט זיך גיין.)

פ נ י נ א.

דו ביסט מיד, זיץ, רו זיך אָפּ,
נעם אראָפּ דעם טוך פון קאָפּ.
(זאגיר זעצט זיך צו.)

ב ר ו ר י א.

ווער ביסטו?

ז א ג י ר.

א שקלאפן.

פ נ י נ א.

ווי רופט מען דיך?

ז א ג י ר.

זאגיר.

פ נ י נ א.

זאגיר? (צו ברוריאן.)
באקאנט אזא מין נאָמען דיר?

ב ר ו ר י א.

ניין, ניט באקאנט.

ז א ג י ר.

איך בין פון ווייט, פון גריכנלאנד.
מיין פאָטער איז געווען דאָרט פריי,
און איצט אין רוים — א קנעכט, א גלאדיאטאָר.
און איך — טאָג-אויס, טאָג-איין ווער דאָ פארמאטערט.
רופינא — רופוס פרוי, זי וויל זיין שענער
פון אלע רוימישע מאטראָנעס,
זי קאָן זיך גאָר נישט אויסקלייבן קיין צירונג
און קאָן זיך גאָר ניט צוקלייבן קיין פארב,
און אויב עס העלפט איר ניט דאָס שמירן, —
כאָטש לייג זיך דאן און שטארב.
ווי ס'וואָלט געוועןדט זיך נאָר אין מיינע פינגער
צו מאכן שענער זי און יינגער.

פ נ י נ א.

און ווי ביסטו עס איצט געגאנגען?

ז א ג י ר.

קלאנגען האָבן זיך פארשפרייט:
דעם קייסערס טאָכטער דארף דאָ דורכפאָרן פארביי,
האָט זיך עס אופגעהויבן א גערודעריי,
ניטאָ קיין נאכט, ניטאָ קיין טאָג,
מע לויפט ארום, מע יאָגט.
און זי, רופינא, האָט מיך צוגערופן און געזאָגט:
פאראן צווישן יידן איינער —

באַ אים געפינסט אַמאָל די שענסטע איידל־שטיינער.
ער הייסט... מענאַשע. ברענג אים גלײַך צו מיר.
בין איך אַוועק, געטראָפן בלויז זײַן וועכטער באַ דער טיר.

פנינא.

ניט זאָרג, זײַ רויִק, זאַגיר,
ער האָט דאָ ערשט גערעדט מיט מיר,
פונדאַנען איז ער לינקס אַוועק...
(עס דערהערט זיך באַר־קאָכבאַס קאָל.)
ברוריא, ס׳איז ער.

ברוריא (צו זאַגירן).

קום, איך וועל ווײַזן דיר דעם וועג.
(זאַגיר צעזעגנט זיך מיט פנינען. ברוריא, זאַגיר — אָפּ. פנינא באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים. עס קומט אָן באַר־קאָכבאַ.)

באַר־קאָכבאַ

(גייט צו צו פנינעס בוים, פאַרנייגט זיך.)

כ׳בין צוליב דיר אַראָפּ אין טאָל,
די בערג פאַרלאָזן און די היילן;
לאָז הערן, ליבסטע, מיך דײַן קאָל,
מײַן בענקשאַפט אויסצוהיילן...

פנינא.

באַר־קאָכבאַ!

באַר־קאָכבאַ.

פנינא! (זיי כאַפּן זיך אַרום.)
און מ׳ר האָט זיך געדאַכט, דײַן פאָטער וועט מיט גוואַלד
דיך אָפּנעמען באַ מיר, דו וועסט ניט קאָנען
מײַן נאָמען אין דײַן פאָטערס הויז דערמאָנען,
וועסטו אויך מיך אַליין פאַרגעסן באַלד...

פנינא.

און איך האָב שוין געטראַכט,
אַז צוליב אים דו ביסט אויך בייז אויף מיר,

און איך האָב אזוי שטארק געבענקט נאָך דיר,
געוואַרט אַפּ דיר באַטאָג, געגאַרט נאָך דיר באַנאַכט.

(באַר־קאָכבאַ זעצט זיך אַוועק לעבן פּנינען.)

באַר־קאָכבאַ.

שוין לאַנג, מײַן ליבסטע, כ׳האָב דיך ניט געזען.

פּנינה.

שוין זיבן מאָל די זון אין טיפן ים פאַרזונקען,
שוין זיבן מאָל דער ווינט דעם טוי האָט אויסגעטרונקען,
שוין זיבן מאָל די שטערן האָבן זיך געזעגנט, —
שוין זיבן מאָל צו זיבן טעג,
אַז דו, באַר־קאָכבאַ, ביסט פאַרשוווּנדן...
באַר־קאָכבאַ, ליבער, ניט געוווּסט האָב איך פון דו.
געדופן שטענדיק: גיבער מײַנער, וווּ ביסטו?

באַר־קאָכבאַ.

און איך פלעג אונטער שטערן־שײַן אַרויף
צום שפּיץ פון באַרג, דערהערן כ׳זאָל דײַן רוף.

פּנינה.

בײַ פייגעלעך אין וואַלד געפרעגט האָב איך,
צי האָבן זיי אין וועג באַגעגנט דיך?

באַר־קאָכבאַ.

ניין, ליבסטע, אַפּ באַר־קאָכבאַ טוט אַ פרעג
בײַ אָדלערס און בײַ ווינטן אַפּן וועג.

(און פּלוצעם מיט אַ געענדערטן שטרענגן טאָן.)

דײַן פאָטער האָט פאַרשאָלטן מיך דערפאַר,
ווײַל מיך האָט ניט דערשראָקן קיין געפאַר,
ווײַל ער שעצט טײַערער דעם שאָלעם מיט די רוימער,
ווי מיך, ווי דיך... ער האָט געזאָגט אזוי מיר:
„מע קאָן געווינען ווערן אויך קייטן טראָגן,
נאָר ניט דערוועג זיך גאָר אַרויסגײן שלאָגן".

פ נ י נ א.

און, וואָס האָסטו געענטפערט אים?

ב א ר־ק אָ כ ב א.

איך, פנינא?
דו ווייסט, ווען איינעם שטערן ניט קיין קייטן?
ווען אפ די הענט זיי הענגען בא א צווייטן.

(ביידע אָפּ. אפן וועג באווייזן זיך גייער — וואנדערער פון ירושאָלאַיִם, שטארק פארשטויבטע. אן אלטער און א יונגער. זיי זעצן זיך אפן גראָז.)

י ו נ ג ע ר.

די שטאָט, ווייזט אויס, איז ניט געריהרט
און פירט זיך אלץ נאָך, ווי אמאָל געפירט,
דער וואלד איז נאָך א וואלד.

(עס קומען אָן ב א ר־ק אָ כ ב א און פ נ י נ א.)

און פאָרלעך קומען...

א ל ט ע ר (רופט צו באר־קאָכבאן).

ווי הייסט די שטאָט, וואָס גאָט האָט אָפּגעשטעלט
און ניט פארוויסט?
די שטאָט, וואָס שטייט, ווי א דערמאָנונג
אָן לאנד, וואָס האָט אמאָל געפליסט
מיט מילך און האָניק,
און איצט — אפ בערג מיט אש און שטיינער קלעטער...
ווי הייסט זי, אייער שטאָט?

ב א ר-ק אָ כ ב א.

די שטאָט הייסט — בעטער.

(באר־קאָכבא זעצט זיך צו צו זיי.)

און איר קומט איצטער אָן פונוואנען?

א ל ט ע ר.

אלעקסאנדריע שעל מיצראַיִם הייסט דער קראך,
מיר לעבן רויִק דאָרט, געמיינדעס יידישע א סאך

פאראנ דאָרט... נו, ניט אלע לעבנ גלײַכ...
די גרייס פונ פיש איז נאָכנ טײַכ.

יונגער.

מיר זײַנענ דורכ דאָס גאנצע לאנד,
דאָס פאָלק אפ שטיקער איז צעריסנ:
איינ טייל וויל מיט די רוימער שאָלעמ שליסנ,
דער צווייטער — שלאָגנ זיכ מיט שווערד אינ האנט.

אלטער.

אונ ווער איז דער גערעכטער, ווער קאָנ וויסנ?

באר-קאָכבא.

נאָר איינער אפ דער וועלט איז אומגערעכט:
אָט דער, וואָס ווערט געווינט צומ נאָמענ קנעכט.

יונגער (גייט צו צו באר־קאָכבאנ אונ רוימט אימ אײַנ א סאָד).

מ'האָט אונדז דערציילט, אז ס'איז פאראנ שוינ דער,
אינ וועמעס האנט מע קאָנ פארגלויבנ דאָס געווער,
באר־קאָכבא הייסט דער מענטש, אונ מיר וואָלטנ געוואָלט
מיט אימ זיכ טרעפנ אויכ, מיר זאָלנ קאָנענ
מיט שטאָלצ ארופשטעלנ זײַנ נאָמענ אפ די פאָנענ...

באר־קאָכבא.

באר־קאָכבא? כ'קאָנ אימ גוט — ער איז מײַנ בעסטער פרײַנט,
אונ אויב אירווילט — איר קאָנט אימ טרעפנ הײַנט,
אונ אויב איר ווילט — איר קאָנט אימ זעענ באלד,
אונ נימ אינ שטאָט, — אָט דאָ מיט אײַכ אינ וואלד.
דערלויבט א רופ טאָנ אימ.

(שפרינגט אופ אונ שרײַט אינ וואלד ארײַנ.)

באר־קאָכבא, האָ! באר־קאָכבא, האָ!
אפגיכ, אפגיכ אהער, מע ווארט דיכ דאָ.

(זיי קוקנ זיכ אומ, פנינא האלט ניט אויס אונ צעלאכט זיכ הויכ. אלע קערנ זיכ אויס צו איר.)

א ל ט ע ר.

וואָס לאַכסטו, קינד?

פ נ י נ א.

ווײַל איר זײַט בלינד
און קוקט אַהין.

י ו נ ג ע ר.

ווּהין?

פ נ י נ א.

אַהער... (ווײַזט אױף באַר־קאָכבאַן.)

י ו נ ג ע ר.

ער?!

א ל ט ע ר.

דו?!

ב א ר־ק אָ כ ב א.

מײַן נאָמען איז שימאָן, און ראַבי אַקיבאַ
מײַן נאָמען באַר־קאָכבאַ פאַרשפּרייט.

י ו נ ג ע ר.

זאָג, באַר־קאָכבאַ, אונדז, מיט װעלכע רייד
קומען זאָלן מיר צו זיך אין געגנט?
מיר װעלן זאָגן דאָס — מיר האָבן דיך באַגעגנט.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

פאַר אָפּנעמען באַם פאָלק זײַן ערד,
פאַר אָפּרויבן באַם פאָלק זײַן װערט,
פאַר שטאָט און דאָרף, װאָס װערט צעשטערט, —
פאַר אַלץ באַשטראָפן דאַרף די שווערד...

א ל ט ע ר.

אויב פריִער כ'האָב באשליסן ניט געקענט,
האָסטו אריַינגעגאָסן אין די אלטע הענט
א זיכערקייַט, — געבענטשט זאָל זייַן דערפאר דייַן נאָמען...

י ו נ ג ע ר.

אין שטעט און דערפער רופן וועל איך צו נעקאָמע.
קום, אלטער, גיין, פארלירן צייַט א שאָד, —
מיר דארפן הייַנט פארלאָזן נאָך די שטאָט.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

פונדאנען גייט ארויס בעשאָלעם, נאָר געדענקט:
וווהין איר קומט — מיט זיך מילכאָמע ברענגט.

(צעזעגענען זיך. די וואנדערער דערווייַטערן זיך.)

פ נ י נ א.

דאָס גאנצע לאנד איז אופגעוויגט:
דער שטייט פאר שאָלעם, דער — פאר קריג.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

און דו פאר וועמען שטייסט?

פ נ י נ א (בייגט אָן דעם קאָפ).

איך שטיי... פאר דיר.

(כאפט אים ארום.)

מייַן הארץ זאָגט אונטער דעם פארשטאנד
כ'זאָל גיין מיט דיר נאָר האנט בא האנט.

ב א ר-ק אָ כ ב א.

דערווייַל מיט מיר דו קאָנסט ניט גיין,
איך דארף נאָך בלייַבן אומבאמערקט.
איך קער צוריק זיך אין די בערג,
פון וואלד ארויסגיין וועסט אליין...

פּ נ י נ א (פירט אימ צו צו זײערע ביימער).

די ביימער אונדזערע צוזאמענ שטייענ.
ווענ וועסטו, ליבסטער, מיר דאָס הארצ דערפרייענ?

ב א ר־ק אָ כ ב א.

ווענ ס'וועט אינ לאנד ניט בלײַבנ קיינ אייג רוימער,
דאנ וועלנ זיכ באהעפטנ אָט די ביימער.

פּ נ י נ א.

די גליקלעכסטע כ'וועל זײַנ צעווישנ פרויענ,
אינ וואלד מיר וועלנ אונדזער כופּע בויענ...

ב א ר־ק אָ כ ב א.

אונדז וועט דאָס פאָלק מיט טענצ אונ מיט געזאנגענ
פונ אָט די ביימער מאכנ כופּע־שטאנגענ.

(באר־קאָכבא דערווײַטערט זיכ. פּנינא באגלייט אימ. עס באווײַזנ זיכ א נ ט אָ נ י ו ס
אונ עטלעכע קנעכט. אנטאָניוס באטראכט די ביימער.)

א נ ט אָ נ י ו ס.

א נײַע אקס געמאכט ווערנ זאָל באלד
פונ שענסטנ בוימ אינ וואלד!

(עס קומט אָנ מ ע נ א ש ע.)

מ ע נ א ש ע.

וואָס איז?

א נ ט אָ נ י ו ס.

די קארעטע, ווו ס'פאָרט דעמ אימפּעראטאָרס טאָכטער,
איז אפ א שטיינ ארופגעקראָכנ,
אונ ס'איז אנ אקס צעבראָכנ.

מ ע נ א ש ע (ווײַזנדיק אפ באר־קאָכבאס בוימ).

איכ בינ א היגער דאָ, אונ מיט פארמאכטע אויגנ
איכ וועל אײַכ אָנווײַזנ אזא מינ בוימ,
וואָס וועט ניט ברעכנ זיכ, ניט בויגנ.

אנטאָניוס (צו זײַנע קנעכט).

א שיינער בוים, האקט אויס!

פּנינא (קערט זיך אום, דערזעט און כאפּט ארום מיט די הענט דעם בוים).

האקט אָפּ דעם בוים צוזאמענ מיט די הענט!

(די קנעכט בלײַבנ שטיינ אינ פארלעגנהײַט.)

אנטאָניוס.

וואָס זײַט איר שטיינ געבליבנ, ווי די בעק?
צי איר זײַט טעמפּ, צי טעמפּ זײַנענ די העק?
דערזענ א מויד... איז אײַך דאָס הארצ ארויסגעפאלנ.

(א קנעכט שטויסט זי אָפּ. פּנינא פאלט אפּ דער ערד. עס דערהערנ זיך קלעפּ פונ העק. פּנינא שפּרינגט אופ, לויפט צו צו אנטאָניוסנ און פאלט פאר אימ אפּ די קני.)

פּנינא.

מײַנ האר, ס'איז אלצ אָנ דיר געווענדט,
איך בעט — אפּגיך שטעל אָפּ... פארווער!..

אנטאָניוס.

וואָס איז געשענ דאָ, דערקלער...

(פּנינא וויינט. אנטאָניוס ווענדט זיך צו מענאשענ.)

וואָס פאר אנ אומרעכט טוענ זיי — דערקלער מיר?

מענאשע (ערנסט).

זיי האקנ אויס דעם בוים פונ איר באשערטנ...

(מענאשע — אָפּ.)

(בא פּנינענ דערוועקט זיך א האָפענונג.)

אנטאָניוס (צעלאכט זיך).

דער גאנצער וואלד, וואָס אזוי שיינ דאָ וואקסט, —
געווארט האָט ווערנ אינ א רוימער רײַטוואָגנ אנ אקס...

פּ נ י נ א (שפּרינגט אוף).

דער גאַנצער וואַלד, וואָס אַזוי שיין דאָ וואַקסט, —
געוואַרט האָט זען, ווי ס'ברעכט זיך דאָ די רוימער אַקס...

אַ נ ט אָ נ י ו ס.

בינדן איר די הענט פאַר אָט די ווערטער!
אין פעסטונג זי אַריינזעצן!

(צוויי קנעכט כאַפּן פּנינען פאַר די הענט.)

פּ נ י נ א (שרייט אויס מיט אַלע קויכעס).

באַר־קאָכבאַ!

(עס קומט צו לויפן ב ר ו ר י א. קיינער באַמערקט זי ניט.)

אַ נ ט אָ נ י ו ס.

באַר־קאָכבאַן רופסט צו הילף! אַז דיין באַשערטער
וועט קומען פאַר דיר בעטן —
וועלן מיר דיך לאָזן פריי!

פּ נ י נ א.

באַר־קאָכבאַ! (אַלע אָפּ.)

(עס באַווייזט זיך ב ר ו ר י א.)

ב ר ו ר י א.

ברידער! פאַטערס! גיך אַהער! אַהער!

(עס לויפן זיך צונויף עטלעכע מענטשן, צווישן זיי א ו ז י ע ל און ה י ל ע ל.)

מע האָט ערשט פּנינען אַ געבונדענע אַוועקגעפירט.

א ו ז י ע ל.

וווּהין?

ב ר ו ר י א.

ווער ווייסט וווּהין?
אַראָפּגעהאַקט באַר־קאָכבאַס בוים!

הילעל.

ווער?

ברוריא.

רוים!

איינער.

ביזוואנען וועט מען אפ די קעפ אונדז טרעטן?

אוזיעל.

און עפשער בעסער גיין מיט גוטן בעטן?
מיט גוטן וועט מען עפשער בעסער מאכן?

הילעל.

ביטאָ, אוזיִעל, ווער זאָל פון דיר לאכן...

(ער כאפט ארויס א קורצע שווערד.)

אָט דער זאָל בעטן גיין — ער האָט א שארפע צונג,
און מע פארשטייט אים אפן וווּנק.

(עס קומט אָן באר־קאָכבא. הילעל וויל אים עפּעס זאָגן.)

באר־קאָכבא.

איך ווייס שוין אלץ.

(ער גייט צו צום אראָפּגעהאקטן בוים.)

מ'האָט מיטאמאָל מיר אומגעבראכט מײַן יוגנט...
נו, איצטער, עליִעזער, ביסטו שוין באנוגנט?
כ'וועל, עליִעזער, דיר דאָס נאָך אמאָל דערמאָנען.
און, רוים, בא דיר כ'וועל דאָס א גאנצן לעבן מאָנען.

אוזיעל.

פארוואָס האָסטו אזוי געשטראָפט אונדז, גאָט!
די טעכטער אונדזערע מע מאכט צו שפּאָט.

הילעל.

וואָס טראכסטו טאָן, באר-קאָכבא, זאָג?

באר־קאָכבא.

אָט היינט זאָל זײַן דער לעצטער טאָג.

איינער.

מיר וועלן גיין צו רופוסן און פאָדערן,
ער זאָל באפרײַען זי.

(עס דערהערט זיך א געשאַל פון א טרומייט.)

הילעל.

ער גייט אהער.
זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט אין אָדערן.

באר־קאָכבא.

דערווײַל באהאלטן דאָס געווער.

(עס קומט רופוס, מיט אים עטלעכע רוימער.)

רופוס.

איך האָב באפוילן דאָך, אז צוויי — דרײַ טעג
פון אײַך זאָל קיינער זיך ניט ווײַזן אפן וועג,
א מײַל ארום ארומגיין אָט דעם וואלד.

באר-קאָכבא.

צום אלעמערשטן, כ׳פאָדער באלד
באפרײַען די, וואָס איר האָט מיט געוואלט
פונדאנען צוגענומען, ברענגען זי אהער.

רופוס.

צו פאָדערן בא מיר אזעלכעס — ווער
האָט דיר דערלויבט, ווער האָט געגעבן רעכט
א קנעכט צו שטיין און ריידן אזוי פרעך
מיט דעם, פון וועמעס וואָרט ס׳הענגט אָפּ זײַן לעבן?

באר־קאָכבא.

גראָד אָט דאָס לעבנ האָט דעמ קנעכט דאָס רעכט געגעבנ.
ניט דו — אַליינ ווענ אדריִאַנוס קייסער שטייט דאָ,
כ'וואָלט אויכ מיט אימ ניט אנדערש ריידנ.

רופוס.

וואָס ווארט איר, נעמט!

(מע גרײַפט אָנ אפ באר־קאָכבאנ, באר־קאָכבא גרייט זיכ געבנ א ווידערשטאנד.
הילעל אונ די איבעריקע פרוווּנ זיכ ארײַנמישנ.)

באר־קאָכבא.

אַליינ. איר וועט מיר איצט נאָר שטערנ...

(איינער פונ די רוימער סאָלדאטנ פארמעסט זיכ אפ באר־קאָכבאנ מיט א שווערד.
באר־קאָכבא כאפט בא אימ ארויס די שווערד אונ צעברעכט זי אָנ די קני.)

אזוי וועט רוימ צעבראָכנ ווערנ!..

רופוס.

א שטריק ארופוואַרפנ! אינ קייטנ פירנ!

באר־קאָכבא.

דו פריִער הייס, מע זאָל פונ אָרט מיכ רירנ.

רופוס.

אינ צירק, באמ לייב אינ מויל, וועסט ענדיקנ דײַנ לעבנ.

באר־קאָכבא.

באר־קאָכבא וועט זיכ דיר ניט אונטערגעבנ!

(צערײַסט די שטריק, באפרײַט זיכ, אנטלויפט, אונ נאָכ אימ אַלע.)

רופוס.

באר־קאָכבא! דו וועסט ניט אנטלויפנ ווײַט —
ס'וועט דיר דײַנ לאַנד
פאר א באהעלטעניש ניט קאָנענ דינענ.
עס וועט מײַנ האנט בא דיר אינ לאַנד דיכ אומעטומ געפינענ.

דאָס צווייטע בילד

באַ די טויערן פון דער שטאָט. אַפ דער סצענע די זקינים — די אָנפירער פון דער שטאָט. עס קומען אָן: על־יעזר און נאָך אים מ ע נ א ש ע.

ע ל־ י ע ז ע ר (צו דער פאַרזאַמלונג פון די זקינים).

איך האָב צונויפגערופן אײַך, קעדיי אײַך זאָגן:
באַר־קאָכבאַס זינד מיר וועלן מער אַפ זיך ניט טראָגן.
אַקיבאַ קומט — ס'מוז הײַנט באַשלאָסן ווערן,
אַז אויב דער שאָלעם־בורעכער וועט אונדז אַלץ ניט הערן
און אופשטיין קעגן רוים, — מיר וועלן זײַן געגרעכט
פאַר גאָט...

מ ע נ א ש ע.

און פאַרן פאָלק מיר וועלן טאָן ניט שלעכט.

ע ל־ י ע ז ע ר.

אויב מיר, די אַלטע לײַט, וועלן אין רוים דערקלערן:
מיר קלײַבן קעגן רוימער הערשאַפט זיך ניט ווערן...

מ ע נ א ש ע.

אַז ניט דאָס גאַנצע פאָלק איז קעגן קייסער, נאָר אַ טייל,
אַז שיקן מענטשן וועלן מיר פון הייל צו הייל,
ס'געוועער געפינען און אַליין אין רוים דאָס פירן —
מיט הוילע הענט זיי וועלן זיך פון אָרט ניט רירן.

ע ל־ י ע ז ע ר.

דערמיט מיר וועלן אויסלייזן דאָס פאָלק פון שרעק...

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ז ק י י נ י ם.

און די, וואָס פירן עס אַראָפּ פון גלײַכן וועג,
ווי קרעציקע מיר וועלן האַלטן פונדערווײַטנס...

א צ ו ו י י ט ע ר פ ו ן ד י ז ק י י נ י ם.

ס'איז נאָך ניט שפּעט — מע מוז באַוואָרענען באַצײַטנס
פון בלוטפאַרגיסונגען, פון שווערער נויט און טרערן...

(עס דערהערט זיך מוזיק.)

עליעזער.

אקיבא קומט — די זאך מוז הײַנט באשלאָסן ווערן.

(מע הערט זינגען די ליד, מיט וועלכער מע באגעגנט אקיבאן.)

טוט א פרעג בא יעדן וועג,
בא די וועלדער טוט א פרעג,
און בא יעדן שטיין אין וועג
אף אקיבאן טוט א פרעג,
פרעגט בא יעדן קוואל און טײַך:
צי געטרונקען ט'ער פון אײַך?
און באם שאָטן טוט א פרעג,
צי גערוט האָט ער אין וועג?

(ארומגערינגלט פון רעכטס און פון לינקס מיט פרײַנט און טאלמידים קומט אָן אקיבא.)

אקיבא.

שאָלעם אײַך — נאָענטע און ווײַטע!
שאָלעם אײַך — פון הײַנט און אף ווײַטער...

(אלע שטייען אוף.)

עליעזער.

שאָלעם דיר, ראבי אקיבא,
שאָלעם צו דיר, צו אלעמען אונדז...

אלע.

שאָלעם.

(מאכן אן אָרט פאר אים אויבנאָן.)

עליעזער.

פארנעם דײַן אָרט.

(אקיבא בלײַבט שטיין.)

אקיבא.

שוין לאנג אין שטאָט אין מײַנער ניט געווען,
שוין זייער לאנג די שטאָטלײַט מײַנע ניט געזען, —
דערלויבט דעם קאָוועד אָנטאָן זיך, — און אײַך באגריסן...

(פארנייגט זיך פארן אוילעם, אלע באגריסן אים.)

א ל ע.

ראבי אקיבא! ראבי אקיבא!

א ק י ב א.

איך האָב געײַלט, מע זאָל דעם טויער ניט פארשליסן...
און איצטער וויל איך וויסן, זאָגט מיר, גוטע לײַט:
צי זײַנען רעגנס דאָ געגאנגען צו דער צײַט?
צי האָט דאָס ברויט געשניטן דער, וואָס האָט געזייט?
צי האָט דער פלאנצער מיט זײַן ווײַנשטאָק זיך געפרייט?
צי האָבן זיך געפרוכפּערט טשערעדעס אין טאָל?
צי איז געוועזן געדיכט און ווייך אַף זיי די וואָל?
צי האָבן די, וואָס ארבעטן אין שטאָט, געהאט
פאר זיך און פאר די קינדער ברויט צו זאט?
צי האָט די ארבעט זיך בא זיי אין האנט געשפּאָרט?
צי האָבן זין און טעכטער, ווי די טויבן, זיך געפּאָרט?

(עס גייען זיך צונויף ענגער די, וואָס האָבן אים באגעגנט.)

ע ל י ע ז ע ר.

אקיבא, ניט אומזיסט האָסטו געײַלט אהער:
דײַן קומען דארף ארויסשלאָגן פון האנט די שווערד
בא די, וואָס ווילן פעט מאכן מיט אונדזער בלוט די ערד.

י ע ה ו י ש ו א.

מיט וועמעס בלוט?

ע ל י ע ז ע ר (יעהוישוען).

מיט דײַנעם.

מ ע נ א ש ע (ווײַזט אַף אקיבאן).

און מיט זײַנעם.

א ק י ב א.

וואָס טוט זיך אָפּ בא אײַך, דערקלערט.

עלִיעזער.

וואָס קאָן שוין ערגער זיין...
געכטן איז צו מיר אין שטוב אריין
סענאַטאָר לוציוס און דערקלערט מיר שטרענג:
„עלִיעזער, כ׳וואָרן דיך צום לעצטן מאָל, געדענק,
אז דאָס געווער, וואָס איִערע באהאלטן,
וועט פריִער פאלן אפ דיין קאָפּ דעם אלטן...״

עלישא.

און וואָס האָסטו געזאָגט?

עלִיעזער.

וואָס זאָל איך זאָגן:
די שולד פאר דעם ניט איך וועל טראָגן.

הילעל (צו יעהוישוען).

איי... מיר איז גרינג צו טראָגן דאָס געווער,
און אים די שולד אליין פארטראָגן שווער.

אקיבא.

פארוואָס איז צווישן אייך קיין שאָלעם ניט פאראן?
וו ס׳איז ניטאָ קיין שאָלעם, איז ניטאָ קיין בראָכע דאָרט...

עלִיעזער (ווייזט אפ די זקיינים).

דער קאָפּ פארנעמען שטענדיק דארף דאָס ערשטע אָרט.
און וואָס דער קאָפּ באשליסט, דאָס דארפן טאָן די הענט.

(ווייזט אפן אוילעם.)

עלישא.

נאָר ס׳האָבן אָט די הענט זיך אויסקלייבן געקענט

(ווייזט אפ אקיבאן.)

א קאָפּ אזא, וואָס וויל דאָס זעלבע, וואָס די הענט...

אקיבא.

ראבי עליִעזער, אפֿ דער וועלט מיר לעבן זייער לאנג,
שוין וויסן צײַט, אז צוהערן זיך דאַרף מען צום פארלאנג
פֿון די, וואָס פאר א מײַל דערקענען זיי א פרײַנט
און האָבן ליב ביז בלוט, און — ביז אין בלוט זיי האָבן פײַנט...

עליִעזער.

די פײַנטשאפט פֿון א מענטשן איז — א האלבע שטראָף.
דערפאר, אז גאָט נעמט שטראָפֿן — שטראָפֿט ער ביזן סאָף.
מ'האָט רוים צערייצט — די טוירע וועט נאָך מער איצט
גיין צו גרונט,
ס'איז קראנק דאָס פֿאָלק — באר-קאָכבא הייסט די וונד...

עלישא.

דאָס פֿאָלק איז קראנק — באר־קאָכבא וויל עס היילן!

אוזיִעל.

ער וויל, עס זאָלן קינדער מער ניט שטארבן אין די היילן.

הילעל.

עס זאָל דער פֿויער קאָנען אָפּעטעמען פֿרײַער.

יעהושוא.

עס זאָלן אלטע לײַט ניט אויסגיין אפֿן פײַער.

אקיבא.

די טוירע גייט צו גרונט? — קאָן זײַן. נאָר ביסט פֿארבלענדט:
דו מיינסט, אז רוים וועט אונטערלייגן איר די הענט;
צי ווילסט עס ניט פֿארשטיין, צי קאָנסט עס ניט באנעמען:
ווען ס'איז ניטאָ קיין פֿאָלק — די טוירע איז פֿאר וועמען?

(נעמט בא אוזיִעלן א טאָפּ.)

דאָס פֿאָלק געגליכן איז צו אָט דעם טאָפּ:
ווען ער איז גאנץ, אין זיך א יעדן טראָפן היט ער אָפּ...

(טוט א וואָרף דעם טאָפּ אפֿ דער ערד, ער ווערט צעשאָטן אפֿ שערבלעך.)

דו ווילסט, עס זאָל דאָס פֿאָלק צו דעם געגליכן זײַן?

עליעזער.

צעברעכ דעם טאָפּ, גיס איבער נאָר דעם וויין.

יוסי.

וואָס רעדט איר אלצ פארשטעלט? אָט לאָמיר ריידנ אָפנ.
ס'וועט רוים ניט קאָנענ קיינמאָל רוּיק שלאָפנ,
אונ פונעם האלדז צוריק וועט קריכנ איר דער פעטער ביסנ,
אויב רוים וועט טראכטנ נאָר דערביי, אויב רוים וועט וויסנ,
אז דאָ בא אונדז, אינ א פּארוויסט, א כאָרעוו לאַנד,
זי קאָנ אינ קאַלטנ אש נאָכ אָפּבריִענ די האנט.

מענאשע.

אונ דו וועסט פונדערווייטנ שטיינ אונ רייבנ זיכ די הענט
פאר פרייד, וואָס אינ דיינ אש א פונק א הייסער ברענט,
דו ביסט פאר הייסנ אש, אונ איכ — פאר קאַלטנ שטיינ,
אפ וועלכנ ס'וועט אָט דאָ א נייער פאַלאצ שטיינ.
איכ וועל אהינ אריינ אונ פילנ זיכ ניט שלעכט,
וואָס אויסגעבויט פאר מיר אים האָבנ רוימער קנעכט.
מענאשע זאָגט: אריבערקלייבנ זיכ דאַרפ רוים אהער
אונ בויענ וועגנ אונ ווארשטאטנ דאָ וואָס מער,
ווייל ניט קיינ בלוט קאָנ אופלעבנ דאָס לאַנד אפסניי,
נאָר גאָלד אונ זילבער, וואָס וועט פליסנ פריי
פונ רוים אהער, דערנאָכ צוריק פונדאנענ...

עלישא.

גענוג. מיר האָבנ דיכ פארשטאנענ.

יוסי (עליעזערנ).

זע, ראבי, צווישנ דיר אונ פאָלק וואקסט אויס א וואנט...

יעהושוא (צו מענאשענ).

דו זאָג מיר, ווועמעס וועט דאנ זיינ דאָס לאַנד?

עלישא.

אונ זאָג מיר, ווער איז מיט די רוימער מער צופרידנ,
מענאשע, דו מיט אים, צי זיי אונ מיר — די שמידנ?

מענאשע.

איז אויב דו פרעגסט שוין יאָ און ווייסן האָסט געוואָלט:
דײַן האמער דארף דעם שאָלעם מער, ווי מנאשעס גאָלד.
מענאשעס גאָלד אויב ניט קיין רוים — וועט זיך
אַן אנדער וועג געפינען,
און דיר און אים, און אים האָט רוים געגעבן ברויט פארדינען.

אקיבא (מענאשען).

די דימענטן, וואָס דו האָסט דאָ ניט וועמען צו פארקויפן,
דאָס צווינגען זיי דיך צו דעם פײַנט אריבערלויפן.
מענאשע, דו ביסט קלוג געניג, נאָר דו ביסט צופיל רײַך,
דו זאָלסט מיט יענע מענטשן קאָנען טראכטן גלײַך.
דײַן דימענט קויפט דער רוימער, נאָר באצאָלן דיר —
צאָלט דער, און דער, און דער...

הילעל.

ווײַל וויפל ס'קאָסט אים, מאָנט ער אָפּ בא אונדז
אין צען מאָל מער.

אקיבא.

כ'בין דורך דאָס גאנצע לאנד פון ראנד ביז ראנד,
איך בין געוועזן אויך אין פרעמדע לענדער,
ווו יידן וווינען, — ס'האָט זיך דאָרטן אלץ געענדערט:
א סאך פון די, וואָס האָבן פריער ניט געטראכט
זיך שלאָגן גיין, זיי זײַנען איצטער גרייט צו גיין אין שלאכט.

עליעזער.

אַפּ דעם האָסטו אזויפיל יאָרן דאָרט פארבראכט?!

מענאשע.

נאָר דער, וואָס טראָגט א קויש אָנשטאָט א קאָפּ,
צי דער, וואָס איז פון זינען גאָר אראָפּ,
נאָר דער וועט ניט פארשטיין,
אַז דער, וואָס ווארפט אין רוים א שטיין,
דער ווארפט דעם שטיין אין זיך אליין.

יויסי.

און ווער עס ווארפט אין אונדז א שטיין —
פארשטיינט מען אים!

שטימען.

פארשטיינט מען אים!

עליעזער (אקיבאן).

אפ דיר, אפ דיר נאָר פאלן וועט די גאנצע שולד,
אקיבא, כ'האָב געווארט אפ דיר מיט אומגעדולד,
איך האָב געמיינט, אז אין אן אָנגעשטרענגטער צייט,
ווי איצט, וועסט זיין מיט אונדז, די אלטע לייט.
בארויקן וועסט העלפן די צעהיצטע קעפ.
איך זאָג: דעם סוינעס טראָט דו טו א קוש און — לעב!

אוזיעל.

איידער אזא לעבן — בעסער שוין דער טויט.

יעהוישוא.

דיין טאָכטער זיצט בא זיי פארשפארט,
און דו — דו האָסט זיך איינגעשפארט,
אלץ ווארט און ווארט און ווארט...

עליעזער.

דאָס גאנצע פאָלק וואָלט אָפגעלעבט און אויך מיין קינד,
נאָר איר באר-קאָכבאן זעט די הענט פארבינדט.

יויסי (שרייט אויס).

באר־קאָכבא! באר־קאָכבא!
(פון אויבן באווייזט זיך באר־קאָכבא. אלע ווענדן די אויגן צו אים.)

שטימען.

באר־קאָכבא, אונדזער טרייסט ביסטו!
באר־קאָכבא, אונדזער האָפענונג ביסטו!

באר־קאָכבא, אונדזער שײַן ביטער!
באר־קאָכבא!

א ק י ב א.

געבענטשט זאָל זײַן די שאָ,
ווען דו ביסט אופגעגאנגען, ווי א שטערן.

ע ל י ע ז ע ר.

ווי צו די אויערן,
וואָס אָט אזעלכעס הערן!
ווען איך וואָלט וויסן,
איך וואָלט די טויערן
פון שטאָט פאר דיר פארשליסן...

(באר־קאָכבא גייט צו צו אקיבאן. אקיבא טוט אים א קוש אין קאָפּ.)

א ק י ב א.

באר־קאָכבא!
ווי נאָך מײַן אייגן קינד איך האָב נאָך דיר געבענקט...

ע ל י ע ז ע ר.

דער פאסטעך האָט זיך ווידער שוין אין דיר צערעדט, געדענק,
אקיבא, גייסט א פאָלק פארדארבן!
ס'וועט גיכער שוין מיט גראָז ארומוואקסן דײַן שארבן,
ווי דורך באר־קאָכבא וועט דאָס פאָלק געהאָלפן ווערן.

ע ל י ש א.

ער קומט פון פאָלק — צום פאָלק וועט ער געהערן.

ב א ר ־ ק אָ כ ב א.

געקומען איז די צײַט. גענוג גערעדט!
ווײַל אויב ניט הײַנט —
ווער ווייסט, אויב מאָרגן וועט ניט זײַן צו שפעט,
און וואָס באשטייט בא אײַך דער שטרײַט?
דער שטרײַט: — געקומען שוין די צײַט
באפרײַען זיך פון רוימער יאָך.

דער שרײַט: — מיר קאָנען טראָגן נאָך.
נאָר אז ער דריקט, ער שטיקט, דער יאָך,
דאָס אָבער לײַקנט קײנער דאָך.

א שטימ.

שימאָן! שימאָן! ווער האָט דיר דאָס וואָרט געגעבן?

עליעזער.

הערסט?

באר־קאָכבא.

כ׳שווער דיר, עליעזער, בא מײַן לעבן,
דו האָסט מיר דאָס וואָרט געגעבן.

עליעזער.

איך?

באר־קאָכבא.

דו!
ווײַל איך האָב ווײַטער ניט געקאָנט שוין הערן.
איר, זקײנים, מוזט אזוי אוואדע קלערן:
ניט איר צוליבן פאָלק, דאָס פאָלק איז צוליב אײַך.
אָט וועלן מיר די זאך באשליסן גלײַך.
איך וואַרט, דאָס פאָלק זאָל ענטפערן און זיך ניט שעמען:
ווער איז צוליב וועמען?

הילעל.

אָט וועט דאָס פראָסטע פאָלק די זקײנים פאָלגט,
דאן זײַנען זײ זיך — זקײנים, און דאָס פאָלק — א פאָלק.
נאָר ווען דאָס פאָלק הערט אויף צו פאָלגן — דאן איז אויס,
דאן זײַנען גרײט די זקײנים קעגן פאָלק ארויס.
(יוסי גײט האסטיק צו צו עליעזערן און שטעקט ארײַן הארט לעבן אים אין דער ערד א שווערד.)

באר־קאָכבא.

נו, פרעג באם פאָלק. עס וועט דאָס פאָלק דיר זאָגן:
צי וויל עס שאָלעמ, צי עס וויל זיך שלאָגן.

עלישא (גייט צו צו באר־קאָכבאן).

איך האָב דריי זין — איך גיב דיר אלע דריי.
ראבי אקיבא, גוט, וואָס דו ביסט דאָ דערביי,
ראבי אקיבא, בענטש זיי, אויב זיי זיינען ווערט.
כ'גיי אויך מיט זיי.

אקיבא (לייגט ארויף די האנט אפן עלטסטן).

איר זאָלט צוריקקערן זיך זאלבעפערט!

צווייטער פאָטער.

און איך האָב פיר — זיי זיינען אלע גרייט.
ווען כ'בין ניט אלט, איך וואָלט זיי אויך באגלייט.

אקיבא.

באגעגענען די קינדער דיינע זאָלסט מיט פרייד.

דריטער פאָטער.

פון זיבן — איינער איז געבליבן נאָר.

אקיבא.

עס זאָל פון אים ניט פאלן אפ דער ערד קיין האָר.

אוזיעל (פירט צו נאכמאָנין).

דאָס איז מיין זון, ראבי אקיבא, ער איז קליין,
נאָר ווען איך וועל ניט לאָזן אים, ער וועט אוועק אליין.

אקיבא (גלייכט זיך אויס. אלע רינגלען אים ארום. אקיבא לייגט ארויף אפ נאכמאָנין די הענט).

זאָלסט ווי א יונגער לייב זיך שלאָגן פאר דיין ערד.
און אויב (פארטראכט זיך א רעגע) א גרויסער אויסוואקסן איז
דיר באשערט,
געדענק אקיבאס רייד:
כאָטש אלץ פון גאָט איז אָנגעצייכנט,

נאָר אויסקלײַבן ביסט פרײַ —
און אַלץ דו קאָנסט אַליין דערגרייכן.
(נאכמאָני פאַלט אַפּ דער ערד און קושט דעם זוים פון אקיבאס קלייד.)

מענאשע.

ס'איז הײַנט מיר זייער פיל געוואָרן קלאָר:
געמיינט, אַז מיט באַר־קאָכבאַן גייט וועט נאָר
אַ קליינע צאָל, וואָס האָבן ליב די שווערד
פיל מער, ווי אַקערן מיט שוויס די ערד.
נאָר מנאשע איז געווען פאַרבלענדט, פאַרפירט:
דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פון אָרט גערירט.
אַליין, ווען כ'האָב אַ קינד, איך ברענג עס אײַך...
דערפאַר האָט גאָט געבענטשט מיך, איך בין רײַך.
עס פאָדערט אַ מילכאָמע ניט נאָר הענט.
באַר־קאָכבאַ! כ'וואָלט דיר נוצלעך זײַן געקענט:
ווי קיינער ניט פון אײַך דעם פײַנט איך קאָן.
ניט קאָנענדיק דעם פײַנט, מע הייבט ניט אָן
קיין שלאַכט. כ'וואָלט דיר געבראַכט געווער און שפּײַז.
מײַן פאָלק, זײַ מויכל מיר, איך האָב געגרײַזט.
(פאַלט אַפּ דער ערד פאַר אקיבאַן.)

פאַרגיב, אקיבא, מיר מײַן שווערע זינד,
כ'בין גרייט אַפּ אַלץ, נאָר בענטש מיך ווי אַ קינד,
וואָס האָט פאַרשולדיקט זיך, נאָר פאָרט געקומען
אין פאָטערס הויז, אַפּ זיך אַ שטראָף גענומען;
פון הײַנט וועט זײַן מײַן האַרץ פאַר אײַך נאָר אָפן,
אויב ניט, זאָל גאָט מיך מיט אַ דונער שטראָפן!

אקיבא.

ס'איז דאָ אַן אויג, וואָס אַלצדינג זעט און ווייס,
אויב נאָר דו רעדסט, נאָר דו האָסט נאָך קיין בייז
ניט אָפּגעטאָן — כ'וועל אָפּוואַרטן אַ ווײַל:
ניט בענטשן דיך, ניט שילטן אויך דערווײַל.

היל ע ל (פון דער הייך).

באַר־קאָכבאַ, רוימער גייען...
אַנטאָניוס גייט. ער איז שוין נאָנט, אָט גייט ער.

עלישא.

אליין?

הילעל.

מיט עטלעכע באגלייטער.

(עלישא ווימט אײַן אין אויער באר־קאָכבאן. באר־קאָכבא פארשווינדט. עליעזער לאָזט זיך גיין, אנטקעגן קומט אָן אנטאָניוס מיט עטלעכע רוימישע סאָלדאטן.)

אנטאָניוס (ווײַזנדיק אף אקיבאן).

אָט דאָס איז דער, אף וועמען איר האָט לאנג
אזוי געווארט, באגעגנט מיט געזאנג?
(צווישן אוילעם ווערט אומרויק.)
איך וואָלט געבעטן נאָר ס'זאָל רויִק זײַן!
צעגייט זיך: שמיד, — אין שמידערײַ אריין.
דו, בעקער, — צו דײַן טייג, דו, שוסטער, — צו דײַן שוך!
(אקיבאן.) און דיך, אקיבא, שוין פון לאנג איך זוך,
אין קעסאריע ווארט אף דיר אן אָרט,
ביסט מיד פון וועג, וועסט אָפּרוען זיך דאָרט.
דו האָסט דאָך ניט גערוט קיין טעג, קיין נעכט,
אלץ קעגן רוים געבונטעוועט די קנעכט.
ביסט אלט, איך וועל ניט אָנטאָן דיר קיין קייטן.
ס'זאָל זײַן דיר פריילעכער, כ'וועל דיך באגלייטן...

(ער גיט אָפּ א שטומען באפעל, מע זאָל ארומרינגלען אקיבאן. עלישא, הילעל, יויסי און יעהוישוא פארשטעלן די סאָלדאטן דעם וועג.)

עלישא.

ניט קוק, אנטאָניוס, וואָס איך בין אלט,
שוין פערציק יאָר די שווערד אין האנט איך האלט.

יויסי.

אײַן טראָט, און בלוט וועט גיסן זיך דאָ באלד.

עליעזער.

מיט וועמען, דולע, ווילסט איר זיך פארגלײַכן?
פאר יעדן טראָפּן וועט אונדז קאָסטן טײַכן.
(אנטאָניוס לאָזט דורך עליעזערן און די זקייגים. זיי גייען אוועק.)

אקיבא.

אויב נאָר צוליב אקיבאנ — כ'בינ ניט ווערט
איינ טראָפּנ בלוט זאָל פאלנ אפ דער ערד...
כ'האָב וויניק אופגעטאָנ, נאָר כ'לעב שוינ לאנג.
איכ האָב באר-קאָכבאנ ניט געבענטשט — דאָס טוט מיר באנק.

(פיר פרויענ, צווישנ זיי ברוריא, פאלנ אנטאָניוסנ צו די פיס.)

ברוריא.

וועמענ ווילסטו נעמענ? וועמענ?
ווילסט דאָס גאנצע פאָלק פארנעמענ?!

אנטאָניוס.

ניט אינגאנצנ, נאָר דעמ קאָפּ.

ברוריא.

פּנינאנ! פּנינאנ גיב אונדז אָפּ!

שטימענ.

קינדער, פרויענ, אלטע לײַט,
זייער בלוט פונ קייווער שרײַט,
אונ די קוילעס הימלענ שפּאלטנ...
— פּנינאנ ווו האָסטו באהאלטנ?!
— ריר ניט אָנ כאָטש אָט דעמ אלטנ!

(די סאָלדאטנ רינגלענ ארומ אקיבאנ.)

ראָכל (פאלט מיטנ פּאָנעמ צו דער ערד).

פאר גאָר דער טוירע דאָס איז דאָס געצאָלט?

אקיבא.

מײַנ ליבסטע! כ'האָב אזוי געוואָלט.
שטיי אופ!
דאָס גאנצע לעבנ כ'האָב געוואַרט דערופ,
כ'זאָל פאר מײַנ פאָלק איצט אָפּגעבנ דאָס לעבנ.

אנטאָניוס (צו די רוימער).

איר וועט נאָך ציִען לאנג?

עלישא.

מיר פאָדערן באפרייַען אים.

אנטאָניוס.

אויב ניט?

יעהוישוא.

ווערסטו אפּ זיך פארזוכן אָט דעם שניט!

(א געראנגל. עס קומט אָן באר־קאָכבא א באוואָפנטער און ווארפט זיך גלייַך אינ געשלעג. אנטאָניוס טרעט אָפּ א פארוונדעטער. פונ אלע זייַטנ קומען אָן באוואָפנטע ייִדן.)

באר־קאָכבא.

ברידער מייַנע! כ'קוק אפ אייַך:
עפשער זייַנען מיר אינ צאָל ניט גלייַך
צום פייַנט, מיר האָבן ווייניקער געווער, —
נאָר מיט מייַן קאָפּ און רעכטער האנט איך שווער,
און לאָמיר אלע שווערן אינ איינ שטים:
מיט זייַן געווער מיר וועלן שלאָגן אים!

אלע.

מיט זייַן געווער מיר וועלן שלאָגן אים!..

(אקיבא לייגט ארופ די האנט אפ באר־קאָכבאן און בענטשט אים. נאָכדעם בענטשט ער דעם גאנצן עולם.)

באר־קאָכבא.

איך שווער באם נאָמען דייַנעם, שימאָן באר־גיאָרא!
איך שווער בא אלע העלדישע באליבטסטע נעמען,
פאר אייַך, פאר אונדז — פאר אלעמען נעקאָמע נעמען!

אלע.

פאר אלעמען נעקאָמע נעמען!

באר-קאָכבא.

צום לעצטנ כ׳וועגד צו דיר זיך היינט:
גאָט! דו העלפ נאָר ניט דעם פיינט!
און מיר — מיר וועלנ אָנ דיינ הילפ זיך שוינ באגיינ...

יויסי.

די ייִדעס אונדזוערע אינ שלאכט זיינענ געגאנגענ
מיט טענצ אונ מיט געזאנגענ...

(עס צעפלאקערט זיך א שלאכט-טאנצ. יויסי, הילעל, עלישא, אונ נאָך זיי אלע איבעריקע מיט די שווערדנ אינ די הענט טאנצנ. דער טאנצ ווערט וואָס אמאָל שטארקער אונ באגייסטערטער.)

סאָפ פונ צווייטנ אקט.

דריטער אקט

דאָס ערשטע בילד

באַם שטאטהאלטער רופוס אין פאלאצ. מע ווארט אפ סעווערוסן, וועלכן אדריאנוס קייסער האָט אָפגערופן פון בריטאניע איבער דער שווערער לאגע אין יעהודא. היַנט דארף דאָ פאָרקומען א זיצונג פון מיליטער־ראט. אפ דער סצענע: אנטאָניוס, רופוס, לוציוס.

לוציוס.

באלד קומט סעווערוס. ס׳קומט אָט יענער העלד,
פאר וועמעס נאָמען ס׳ציטערט גאָר די וועלט...
דערציילט, אנטאָניוס, אונדז די לעצטע נַיַעס.

אנטאָניוס.

באר־קאָכבא האָט פארפעסטיקט זיך באניַעס.
ער האָט אזוי פארמויערט זיך, — ניט צוצוקומען.
ער האָט אונדז אין א קלעם אריַנגענומען...

רופוס.

די לעצטע טעג איך גיי אראָפּ פון זינען:
סעווערוס קומט, ווי וועט ער אונדז געפינען —
אנטלאָפענע, צעשלאָגענע, ווי הינט,
אפ אָט דער שאָ באגראָבט מען זיך וווּהינ,
כ׳זאָל אין די אויגן אים ניט דארפן קוקן גליַך.
בא וועמען פאָדערן וועט רוים — בא איַך? (צו לוציוסן.)
וואָס וועסטו זאָגן, אייצעגעבער מיַינער?

לוציוס.

עס וועט די זאך פארציִען זיך אפּ יאָרן —
באר-קאָכבא האָט זיך פריִער גוט באוואָרנט
מיט רוימישן געווער, און נאָכדעם ערשט
איז ער ארויס זיך שלאָגן.

רופוס (מיט פארצווייפלונג).

שטאָט נאָך שטאָט באהערשט...
ס'האָט אײַנגענומען רוים די גאנצע וועלט,
און דאָ באר-קאָכבא האָט אונדז אפּ די קני געשטעלט...

אנטאָניוס.

דיך — יאָ... פאר רוים איז נאָך צו פרי,
עס זאָל זי עמעצ שטעלן אפּ די קני.

רופוס.

דערווײַל די לאגע ווערט פון טאָג צו טאָג מער ערנסט.

(איראָניש.)

מיר וועלן זען, וואָס וועט שוין אופטאָן דאָ סעוועררוס...

(עס דערהערט זיך א טרומייט, און באם ארײַנגאנג שטעלט זיך אויס א וואך. נאָכן צווייטן טרומייט קומט האסטיק ארײַן סעוועררוס. די וואך באגעגנט אים מיט אויסגעשרייען: „וויוואט".)

רופוס.

צווישן שטארקסטע קיניגרײַכן
איז צו רוים ניטאָ קיין גלײַכן!
אפּ דער וועלט געפינען שווער איז
נאָך א העלד, ווי דו, סעוועררוס!

(סעוועררוס ענטפערט מיט א באוועגונג פון דער האנט, זעצט זיך אוועק, אָנגעטאָן אין די קריגס-קליידער. רופוס גייט צו צו סעוועררוסן.)

כ'בין דאָ דער שטאטהאלטער פון רוים.

סעוועררוס.

איך ווייס — ביסט טורנוס-רופוס...

ר ו פ ו ס.

כ'טרוימ,

אז דו זאָלסט לאָזנ שטויב אונ אש פונ שטעט,

די פעלדער זאָלסטו מאכנ פעט

מיט בלוט פונ די, וואָס אָט שוינ באלד צוויי יאָר

זיי האלטנ זיכ, ניט אײַנברעכנ זיי גאָר.

זיי זײַנענ בא זיכ זייער שטארק,

זיי זיצנ אײַנגעמויערטע אינ בארג,

זיי זיצנ אײַנגעגראָבענע אינ היילנ...

ס ע ו ו ע ר ו ס.

דאָס ווייס איכ אלצ. איצט ווער וועט מיר דערציילנ,

אינ וועלכנ בארג, ווי ברייט איז דאָרט דער טאָל,

האָט איר געפרווט פארנארנ זיי אמאָל

פונ בארג ארויס, זיכ שלאָגנ שווערד אפ שווערד?

אונ וויפל פוסגייער בא זיי, אונ וויפל פערד?

צומ טרינקענ וואסער נעמענ זיי פונוואנענ?

די שפײַז-לאגערס ווי ווײַט זײַנענ פונדאנענ?

איז עמעצער פונ זייערע פאראנ

בא אונדז... אזא מינ אָרנטלעכער מאנ,

וואָס גרייט איז פאָלגנ אונדז אמאָל א גאנג?..

ר ו פ ו ס (צופרידנ).

פאראנ...

ס ע ו ו ע ר ו ס.

אָט דאָס איז גוט. דערפאר א דאנק.

נאָר ווער פונ אײַכ גענוי ווייסט זייער צאָל?

ר ו פ ו ס.

ס'איז שווער צו ענטפערנ באשטימט. פונ מאָל

צו מאָל זיי ווערנ מער, ווי פונ דער ערד

זיי וואקסנ אויס. איכ האָב געהערט:

פינפ הונדערט טויזנט מאנ פארמאָגט דער פײַנט.

דאָס איז געווענ — נאָר וויפל האָט ער הײַנט?

סעווערוס.

פארוואָס האָט קיינער ניט געפּרוווט אים שטערן, —
דער סוינע זאָל זיך אזוי שטארק ניט מערן?

לוציוס.

ווי ס'ווײַזט זיך איצט ארויס: ניט נאָר די ייִדן
געווען זײַנען מיט אונדז ניט שטארק צופרידן.
באדארפט מיט אלעמען זיך אנדערש פירן,
פון דעם — מיר וואָלטן ווייניק־וואָס פארלירן.
מע האָט אין דאָרף דאָס לעצטע צוגענומען, —
דערפאר די ערשטע יענע זאָרגסלײַט קומען,
אין ניט מיט ליידיקן, זיי קומען מיט געווער,
און בא די ייִדן ווערט אלץ מער און מער...
אין איין האנט גאָר די ערד — ניט שטענדיק ברענגט עס נוצן.

סעווערוס.

און ווער ביסטו?

לוציוס.

איך בין סענאטאָר לוציוס.
איך בין געשיקט אהער פון רוים, אז איך זאָל אכטונג געבן,
צי אדריאַנוס' פרידנסגײַסט ווערט דורכגעפירט אין לעבן...

סעווערוס.

פארגעסן האָסטו צוליב וואָס דו ביסט געשיקט,
און האָסט דערלאָזן צו אזא מין קריג?
שלעכט האָסטו אויסגעפילט די פליכטן דײַנע...

לוציוס.

איך האָב געוואָרנט זיי, מיט זיי געטײַנעט...

סעווערוס.

געטאָן האָט אדריאַנוס זייער קלוג,
וואָס ער האָט דיך פארשיקט אהער. גענוג
אים די, וואָס זײַנען דאָרט געבליבן.

(האלב פאר זיך.)

איך וואָלט אײַך אײנציקװײַז פון דאָרט צעטריבן...
דאָס אָפּטאָן װעט אויך נאָכדעם זײַן ניט שפּעט...

(װענדט זיך צו אלעמען.)

נאָר װער איז דאָ אזא, װאָס װײניק רעדט
און אלץ דערציילט, און ער זאָל זײַן באגלייבט?

אנטאָניוס (גייט ארויס אפן פאָדערגרונט).

דערלויבט.
ס'האָט רופוס קעגן דעם באר־קאָכבא בײַשטײן ניט געקענט,
און ס'זײַנען פופציק פעסטונגען באַם סוינע אין די הענט.
און שטעט און דערפער אָפענע־אריבער נײַן הונדערט:
יעהודא, גאליל, שאָמראָן...

סעווערוס (רײַסט אים איבער).

ס'איז מיר א גרויסער װוּנדער,
צו װאָס איר טראָגט אַפּ אָט די אקסלען קעפּ...
גערעכט, באר־קאָכבא! איר זײַט װערט די קלעפּ!
דערציילט...

אנטאָניוס.

צו הילף געקומען איז צו אונדז פון סיריען מארצעל.

סעווערוס.

און האָט פון אלע זײַנע מאכנעס דאָ געמאכט א טעל...

אנטאָניוס.

פון אונטער רייך געקומען איז צו הילף אורבאן.

סעווערוס.

װוּ איז ער איצט, אָט דער בארימטער מאן?

אנטאָניוס.

ער האָט, װי פּובליוס מארצעל, דעם זעלבן סאָף געהאט:
אװעק אפּ יענער־װעלט זיך אײַצע האלטן אין סענאט.

סעווערוס.

ווי רופט מען דיך?

אנטאָניוס.

אנטאָניוס.

סעווערוס.

א רעכטע זאַך דערקענט זיך פונדערווייטן.

(צו רופוסן און לוציוסן.)

און איר וועט אייער ארבעט מוזן איבערבייטן:
זיך רויק זעצן אפן ברעג און כאַפּן פיש,
דערנאָך געפּרעגלטע דערלאַנגען זיי צום טיש,
ווייל עפּשער ליגט גאָר אייער גאַנצע קראַפט אין קיך.
און טרינקען קאָנט איר בעסער, איידער שלאָגן זיך.

(נעמט אראָפּ פון זיך די קריגס־קליידער.)

דערלאַנגט צום טיש, נאָר ניט קיין פיש,
מארך און אָקסן־צינגער אפן טיש!

(עס קומט אריין רופינא.)

רופוס

(שטעלט פאָר רופינען פאר סעווערוסן).

מיין פרוי רופינא...

סעווערוס.

גרייט צום דינען.

רופינא (באַגריסט אים).

דיין אָנקומען זאָל ברענגען גליק...

סעווערוס.

אָן גליק כ'פאָר קיינמאָל ניט צוריק!

רופינא (פילדרייטיק רופוסן).

ס'איז אונדזער גאַסט דאָך מיד פון וועג
און ס'שטייען פאָר אים שווערע טעג...

(סעווערוסן.)

פאר אונדזער הויז דײַנ פרײַנטשאפט ווײַז.
פארזוכ דעם ווײַנ אונ אונדזער שפײַז.

(מע זעצט זיכ אויס בא די טישנ. נאָכנ ערשטנ מאָל אויסלײדיקנ די בעכערס.)

ט י ב ו ל ו ס (הויכ-פאטעטיש).

אויב קריגנ ווילסט אלצ, וואָס דײַנ אויג נאָר געפעלט,
דאָס שענסטע פונ אלערלײ לענדער באַקומענ,
ווערסט אויספאָרנ מוזנ די גאנצענע וועלט,
אָדער געוווג, אז קײנ רוימ זאָלסטו קומענ.

א ל ע.

ווערסט אויספאָרנ מוזנ די גאנצענע וועלט,
אָדער גענוג, אז קײנ רוימ זאָלסטו קומענ.

ט י ב ו ל ו ס.

אינ מיזרעכ — ביז אינדיענ הערשט רוימ נאָר אלײנ,
אינ מײַרעוו — קײנ רוימ טראָגנ ציַנזנ די גאלנ;
בא טעמזע — בריטאניער, גערמאנער — באמ רײנ, —
סעווערוס, פאר דיר אפ די קני טוענ פאלנ.

(מע לײדיקט נאָכאמאָל אויס די בעכערס.)

א ל ע.

בא טעמזע — בריטאניער, גערמאנער — באמ רײנ, —
סעווערוס, פאר דיר אפ די קני טוענ פאלנ.

ר ו פ ו ס (שיקערלעכ).

איכ וועל פארלאָזנ אלצ אונ אלעמענ אונ זיכ באזעצנ
אינ שטילנ דאָרפ, אונ דאָרטנ וועל איכ פרײד געניטנ,
ווענ רעגנס וועלנ מײַנע גערטענער באגיסנ,
אונ ס'וועט דער טײַכ מיט פיש מיר שווער מאכנ די נעצנ...

א נ ט א ָ נ י ו ס.

איכ וואָלט עס מיטנ גרעסטנ פארגעניגנ אויסגעהערט
פונ יענעמ, וואָס איז ניט געבליבנ זיצנ ווי א רײַטער,
צעקלאפט אינמיטנ וועג, אונ קאָנ ניט פאָרנ ווײַטער...

לוציוס.

און דו וואָלסט מיט דײַן פערד אריינגעפאָרן גלײַך אין סענאט,
אז מיד ווערן מע זאָל דיר שרײַענדיק: וויוואט! וויוואט!

אנטאָניוס.

דאָס ערשטע, וואָס איך וואָלט געטאָן, ווען איך בין נאָר ניט פויל, —
פארשטאָפּן וואָלט איך די סענאטאָרן מיט שטרוי דאָס מויל:
אלציינס א שפּילכל זײַנען זיי אין האנט באַם אימפּעראטאָר...

רופוס.

זאָל זײַן געגוג: אימפּעריע... רעפּובליק... סענאטאָר...
אוי, די געשפּרעכן האָבן מיך שוין אויסגעמאטערט...

(א יונגע פרוי שטייט אויף פון טיש, זינגט.)

אלץ, מיט וואָס איך בין נאָר רײַך,
אלץ איז אָנגעגרייט פאר אײַך,
גאָר מײַן שיינקייט, גאָר מײַן פּראכט
כ'האָב אהער פאר אײַך געבראכט.
אלע טירן איך צעעפן,
אין דער פינצטער זאָלט איר טרעפן (צוויי מאָל.)

קומט די נאכט — איך ווארט ניט לאנג:
איינער קומט אפ מײַן געזאנג,
און דער צווייטער — אפ מײַן ווונק,
דריטער קומט — ווײַל ער איז יונג.

אלע טירן איך צעעפן,
אין דער פינצטער זאָל ער טרעפן. (צוויי מאָל.)

טיבולוס

(דעקלאמירט שיקערלעך, אלע העלפן אים אונטער מיט געזאנג).

אָווידיוס דער פּאָעט
געזונגען ליבגעזאנגען
די פרויען אין די שטעט
און זייערע פארלאנגען.

א נ ט אָ נ י ו ס (און דערנאָך אַלע).

די פרויען אין די שטעט
און זייערע פארלאנגען...

ט י ב ו ל ו ס.

אָווידיוס דער פּאָעט
די טעמפּלען האָט באזונגען,
ווי פרויען האָבן שפּעט
געטראָפן זיך מיט יונגען...

א נ ט אָ נ י ו ס (און דערנאָך אַלע).

ווי פרויען האָבן שפּעט
געטראָפן זיך מיט יונגען...

ט י ב ו ל ו ס.

אָווידיוס דער פּאָעט!
ווער קאָן באזינגען שענער, —
ווי פרויען אין די שטעט
זיי נארן אָפּ די מענער...

א נ ט אָ נ י ו ס (און דערנאָך אַלע).

ווי פרויען אין די שטעט
זיי נארן אָפּ די מענער.

ר ו פ י נ א (צו סעווערוסן).

די לעצטע צייט מיין רופוס האָט א ביסל זיך פארלאָרן, —
(ווייזט אָפּ לוציוסן.)
און דער — ניט פאר מילכאָמעס איז דער מענטש געבאָרן;
(ווייזט אָפּ אנטאָניוסן.)
דערפאר אנטאָניוס — אים ווערסטו מיט קיין זאך ניט דערשרעקן...

ס ע װ ע ר ו ס

(צעלאכט זיך פרעגט איר אין פּאָנעם אריין, שיקער).

זאָג, ווער פון אייך באנאכט
גייט איינס דעם צווייטן פריער וועקן?
(עס קומט אריין ז א ג י ר.)

ר ו פ ו ס.

טאנץ, זאגיר!

(ער נעמט זי ארום.)

ש ט י מ ע נ.

דערנאָך — צו מיר, דערנאָך — צו מיר.

א נ ט אָ נ י ו ס.

טאנץ, זאגיר!

ז א ג י ר.

ס'האָט איינער מיך געשיקט,
שטרענג אָנגעזאָגט האָט מיר...

ט י ב ו ל ו ס.

טאנץ, זאגיר!

ז א ג י ר.

ער האָט געזאָגט: זאגיר, קיין צײַט פארליר.

ל ו צ י ו ס.

זינג, זאגיר!

ש ט י מ ע נ.

זינג, זאגיר!

ז א ג י ר (רופינען).

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אפ דיר.

ר ו פ ו ס.

טאנץ, זאגיר!

ז א ג י ר

(זינגט און גייט דערנאָך א טאנץ פון א שקלאפן).

אז מע פירט ארויס מײַן ליבן
איינעם שלאָגן זיך מיט זיבן —

זײַנע אויגן רויִק ברענען,
צווישן הונדערט — אים דערקענען.

ווען זײַן פּײַנט נעמט מאַכן קרײַזן,
צו מײַן ליבנס ברוסט זיך רײַסן, —
לאָזט ער צו דעם פּײַנט נאָך נענטער,
און צו מיר די אויגן ווענדט ער.

ווען זײַן פּײַנט — ער פאַלט אַנידער,
און מײַן ליבער שטייט אַ מידער,
זוכט ער ווידער מיט די אויגן, —
מיר דער ערשטער זיך פאַרנויגן.

נאָר ווען ס'איז אים ניט געראָטן,
און מײַן ליבער ליגט צעטראָטן
אויפן זאַמד, פון שלאַכט פאַרמאַטערט, —
כ'בין מיט דיר, מײַן גלאַדיאַטאָר.

(זאַגיר בלײַבט ליגן אויף דער ערד אָן קויכעס.)

רופינא (צו סעוועררוסן, ווײַזט אויף זאַגיר).

די נאַכט איז לאַנג און אומרויִק דערצו,
באַוויליק זי און רוף זי צו.

סעווערוס.

אי האַלטן זי אין בעט אי גרייטן זיך אין שלאַכט,
פאַר ביידע זאַכן — קורץ וועט זײַן די נאַכט.

זאַגיר (שטייט אויף אַ פאַרמאַטערטע).

מ'האָט מיך געשיקט אַהער...

רופינא.

דאָ אויסער מיר ווער קאָן דיך שיקן — ווער?

זאַגיר.

מענאַשע פרעגט... ער וואַרט שוין לאַנג...

ר ו פ ו ס (ווי אויסגעניכטערט).

אהא... פּונקט צו דער צײַט. אָט דאָס איז א געדאנק.

(צו סעווערוסן.)

דו האָסט געפרעגט, צי איז פאראַן
בא אונדז אזא מין אָרנטלעכער מאַן,
וואָס גרייט איז...

ר ו פ י נ א.

דאָ איז ער!
ארײַנרופן אהער!..

ס ע ו ו ע ר ו ס.

א רעגע — ניכטער זאָלן אַלע ווערן!

(אנטאָניוס גיט א צייכן, אז אַלע זײַטיקע זאָלן ארויס.)

ווען ס'רעדט אזא — מיט קאָפּ מע דאַרף אים הערן
און קוקן אים אין מויל, פון אויג ניט לאָזן...

ר ו פ י נ א.

אַף אים מע קאָן שוין רויִק זיך פאַרלאָזן...

ס ע ו ו ע ר ו ס.

מע טאָר ניט גלייבן זיי ביז צענטן דאָר...

ר ו פ ו ס (סעווערוסן).

דערלויב ארײַנרופן אים.

ס ע ו ו ע ר ו ס.

רופ אים, נאַר...
ער זאָל בא אונדז קיין סאך דאָ ניט פאַרברענגען —
אזעלכע טראָגן אָפּ אמאָל פיל מערער, ווי זיי ברענגען...

ר ו פ י נ א (צו זאגירן).

גיי, רופ אים.

זאגיר.

כ׳גיי.

(זאגיר גייט ארויס. עס קומט אריין מענאשע, זאגיר בלייבט אומבאמערקט אונטערהערנ זייער געשפּועכ.)

סעווערוס (צו מענאשענ).

ריכטיק, אז איכ אלע ערטער,
ווו באר-קאָכבא קומט,— דערקלערט ער,
אז מיט רוימ איז שוינ פארענדיקט,
אז יעהודא בלייבט אפ שטענדיק
פריי פונ צאָלנ צינז אונ שטייער?
אז ער ברענט ארויס מיט פייער
אלצ, וואָס נאָר אָנ רוימ דערמאָנט?

מענאשע.

כ׳וואָלט אייכ דערציילנ מער געקאָנט:—
דער ערשטער איכ האָב קיינ מילכאָמע ניט געוואָלט.
אינ רוימ, דער מלוכע, כ׳האָב אריינגעטראָגנ זעק מיט גאָלד
אונ אָפגעקויפט די גרענעצ־שטייערנ, — באצאָלט
פארויס פאר וויפל יאָר,—ס׳איז רוימ באגלייבט בא מיר,
נאָר ווו באר־קאָכבא האָט זיכ דאָרט געטאָנ א ריר,
צומ אלעמערשטנ האָט ער זיכ פארכאפּט דאָס געלט
פונ גרענעצ־אָפּצאָל, אפ די גרענעצנ געשטעלט
נאָר זיינע לייט...

סעווערוס.

אָט דאָס ביסטו געקומענ זאָגנ?
דו ביסט פאר מיר געקומענ זיכ באקלאָגנ:
דו האָסט בא דיינע יידנ נאָכ דעמ שטייער ניט דערנומענ?..

מענאשע.

ניט צוליב דעמ בינ איכ אהער געקומענ.

רופוס.

באקלאָגנ זיכ; מיר דאכט, ער האָט דאָ ניט אפ ועמענ.

ס ע ו ו ע ר ו ס (אנטאָניוסן).

און וועלכן טייל פלעגט ער בא אָט דעם ייִדן נעמען?

א נ ט אָ נ י ו ס (רוימט אים איַין).

דעם ייִד — זאָל זיַין געגוג, און זיך — ניט צו פארשעמען.

מ ע נ א ש ע.

אויב וויסן ווילסטו, וואָס האָט מיך צו דיר געבראכט:
איך בין א ייִד — איך וויל זיַין פריַי. נאָר כ׳טראכט,
אז אונדז באר־קאָכבא ניט קיין פריַיהיַיט טראָגט,
נאָר אומרוען און העפקער, כאָטש ער זאָגט...

(נעמט ארויס א מאטבייע.)

אָט זע, וואָס ס׳שטייט דאָ אויסגעקריצט...

(גיט איבער סעוועוסן.)

ס ע ו ו ע ר ו ס (צו לוציוסן).

נעם, לייען איבער.
מע זאָגט, א פרעמדע שפראך דו נעמסט גליַיך איבער...

ל ו צ י ו ס (לייענט).

שימאָן... אלעפ לעכערוט...
שימאָן... דאָס ערשטע יאָר פון פריַיהיַיט...

(שטילשוויַיגן.)

מ ע נ א ש ע.

זעסט?

ס ע ו ו ע ר ו ס.

דערוויַיל איך הער אלץ, און צי ברענגען וועסט
אזוינס, וואָס טיַיערער איז אונדז פון שטיקל גאָלד, —
מיר וועלן זען.

(טוט א שליַידער די מאטבייע אפ דער ערד. מענאשע בייגט זיך
עטוואָס אָן, נאָר הייבט זי ניט אופ.)

מ ע נ א ש ע.

מיר דאכט, ס'איז איבעריק מיט גאָלד זיך וואַרפן...
מילכאָמע האַלטנדיק, אויך גאָלד מיר דאַרפן,
דערצו נאָך — ווײַט פון רוים, און פון דעם סוינע נאָענט...

ס ע װ ע ר ו ס (מיט א ווייכעריג טאָן).

מיט וואָס באַהילפיק זײַן וואָלסטו אונדז איצט געקאָנט?
מיר וואָלטן דיר דערפאַר באַצאָלט... דעם העכסטן שטײַער...

מ ע נ א ש ע.

עס וואָלט אײַך ניט געלוינט — ס'וואָלט אײַך געקאָסט צו טײַער,
אויב צאָלן מיר פאַר דעם — איר וואָלט אין כויוו אַרײַן,
א טיטל שענקען מיר — און ס'וואָלט נאָך ווינציק זײַן.
ס'האָט מיך געפירט אהער מײַן ניכטערער פאַרשטאַנד,
דער ווילן, דו זאָלסט ברענגען אָרדענונג בא מיר אין לאַנד,
דער ווונטש, אַז גאָר דער וועלט זאָל הערשן נאָר די האַנט
פון רוים;
אַף די צעבונטעוועטע קנעכט בא אונדז — אַרופוואַרפן א צוים,
און צוליב דעם — איך קאָן דיר אַף די פינגער איבערציילן...

(שטילערהייט.)

די ערטער זייערע, די בערג, די חיילן,
דורכוואַנען זיי באַקומען שפײַז, געווער, —
פאַר דעם — טאָן אַלץ איז מיר ניט שווער...

(סעווערוס דערלאַנגט מענאַשען א קאָס.)

ס ע װ ע ר ו ס.

טרינק אויס דעם קאָס פאַר אונדזער זיג בא אײַך אין לאַנד.

(מענאַשע נעמט דעם קאָס, האַלט א רעגע, פאַרטראַכט.)

מ ע נ א ש ע.

די ייִדן איז פאַרווערט דער ווײַן, וואָס איז געווען אין האַנט
בא געצנדינער, כאָטש... איך האָב עס פאַר קיין זינד,

(דערנענטערט דעם קאָס צום מויל, נאָר טרינקט ניט אויס.)

איך רייד אין נאָמען פונעם פאָלק, איז וויל איך הערן,
מיט וואָס וועל איך צוריק פון דיר צום פאָלק זיך קערן...

(מע פירט אריין עלִיעזערן. מענאשע שטעלט צוריק אוועק דעם
קאָס אייליק און אומבאמערקט.)

סעווערוס.

און ווער איז דער?

אנטאָניִוס (סעווערוסן).

אין טשערעדע — די עלטסטע שאָף.

עלִיעזער.

ס'איז דאָ בא אייך מיין קינד...

(פארכאפט זיך.)

געגריסט זייט, הארן גנעדיקע...

סעווערוס (זייער העפלעך).

אלטער, זיי געגריסט!
דיינע אויסזען זאָגט — אן אָנשטענדיקער מאן דו ביסט.

(צו רופוסן און אנטאָניִוסן.)

ער זאָגט: זיין קינד איז דאָ?

עלִיעזער.

שוין באלד צוויי יאָר איר האלט זי דאָ פארשפארט.

רופינא.

פארוואָס האָסטו אזא מין לאנגע צייט געווארט
און ניט געקומען ביסטו פאר איר בעטן?

עלִיעזער.

איך בין אלט...
אויך איצט איך האָב זיך דורכגעריסן מיט געוואלט.
ס'האָט גאָט מיך איבער אלע גרענעצן געבראכט צו אייך
איך וועל זי אויסקויפן — אפ דעם בין איך נאָך רייך...

ר ו פ ו ס.

דו, אלטער, ווייסט איר ווערט ?

ע ל ִ י ע ז ע ר.

פאר מיר איז זי — דאָס טײַערסטע אפ גאָר דער ערד...

(דערזעט און ווײַזט אפ מענאשען.)

דער מענטש — ער ווייסט.

מ ע נ א ש ע.

זי איז זײַן איינציק קינד.
מיט וואָס האָט זי אזא מין שטראָף פארדינט ?

א נ ט אָ נ ִ י ו ס.

באר־קאָכבאנ קענסטו ?

ע ל ִ י ע ז ע ר.

כ'האָב אים פון מײַן הויז פארטריבן.

א נ ט אָ נ ִ י ו ס.

דערפאר איז זי אים אזוי טרײַ געבליבן,
אז איך געשמידטערהייט זי האלט מיט אים. און אויב
ע ר האָט ביז הײַנט זי ניט באפרײַט, איך גלויב,
אז ד ו וועסט וועלן זען זי א באפרײַטע...

ס ע וו ע ר ו ס.

ווו איז זי ?

א נ ט אָ נ ִ י ו ס.

דאָ ניט ווײַט.

ס ע וו ע ר ו ס.

דעם פאָטער ווײַזט זײַן קינד.

(אנטאָניוס און צוויי וואכלײַט אָפּ.)

אצינד רו אָפּ. דו האָסט געצײַלט אהער געווים.

עליעזער.

ווו ס'איז דאָס הארץ, אהינצו אײַלן אויך די פיס.

(זעצט זיך צו.)

סעווערוס.

דײַן קינד האלט מיט באר-קאָכבאן,
און דו — געקומען ביסט אהער...

עליעזער.

איך בין א סוינע אים, ווי דו, ווי ער.

(ווײַזט אפ מענאשען.)

מײַן קינד איז אומשולדיק — אויב צוליב אים זי לײַדט,
וועל איך צורייסנעמען די עלטסטע לײַט,
זיך אומשלעפן פון שטאָט צו שטאָט,
ווו ס'הערשט נאָך רוים, און בעטן גאָט
פאר דיר, — באר-קאָכבאס נאָמען מאכן אומעטום צו שפּאָט...
גאָט! דו זאָלסט א שטרויכלונג שיקן אים אפ יעדן טראָט.

(שטייט האסטיק אוף.)

א שלאנג זאָל אים באנאכט ארומוויקלען די קני,
און טויט באגעגענען זאָל אים דער אינדערפרי.
וועט עפּשער זײַן צו אלע אומגליקן א סאָף.
פאר ווידערשפּעניקן דעם קייסער קומט אזא מין שטראָף...
מיר, זקיינים, שטייען נאָר פאר שאָלעם שטענדיק...
אקיבא נאָר...

(מע פירט ארײַן פנינען.)

פנינא!

פנינא.

פאָטער!

(זי פאלט אים אין די אָרעמס.)

עליעזער.

איך האָב געמיינט, איך וועל שוין קיינמאָל מער ניט זען דיך,
אז מיט מײַן טרויער כ'וועל אראָפּ אין גרוב.
גאָטס קלאָלע איז ארײַן צו מיר אין שטוב,
ווי נאָר, מײַן קינד, דו ביסט ארויס פון דאָרט.

און איצט—איך וועל ניט רירן זיך פון אָרט,
ביז קלאָר וועט ווערן, אַז מײַן קינד איז ריין,
אַז שולדיק איז אין אַלץ באר־קאָכבא נאָר אליין.

(פנינא באַפרײַט זיך פאַמעלעך פון זײַנע הענט. זי ווענדט זיך צו די רוימער.)

פנינא.

פירט מיך צוריק אהין, ווו כ'בין געווען!
צי שלאָג מיך, גאָט, מיט בלינדקײַט, כ'זאָל ניט זען
מײַן פאָטער אין זײַן שאנד. דו האָסט פארשעמט
(ווענדט זיך צום פאָטער.)
דײַן פאָלק, אויב דו ביסט דאָ איצט אין דער פרעמד,
און ניט מיט די, וואָס שלאָגן זיך דערפאר,
(ווײַזט אַף די רוימער.)
אַז דער זאָל מער אַף דיר ניט זײַן קיין האר.

לוציוס (קוקט איר ארײַן אין די אויגן).

א שאָד דײַן לעבן מיר, דו ביסט נאָך יונג.

פנינא.

ווען גאָר דאָס פאָלק אין בלוט איז אײַנגעטונקט,
ביסטו געקומען רייניקן מיך איצט,
און שילטסט די האנט, וואָס דיך פון פײַנט באשיצט...

אנטאָניוס (סעווערוסן).

צופיל דערלויבט זי זיך—באפויל איר שטומען.

רופוס (צו פנינען).

דײַן פאָטער איז באפרײַען דיך געקומען.

מענאשע.

באר־קאָכבא האָט ניט זי אַליין דערצו דערפירט!..

עליעזער.

עס האָט מײַן קינד פון זינען זיך געירירט.
(ער פאלט אַף די קני און כאַפּט זי ארום.)

פּנינא.

זיין, פֿאָטער, הער מיך אויס. אויב שולדיק איז נאָר ער,
און דו ביסט ריין — כ'בין דיר קיין טאָכטער מער!

עליעזער.

מײַן קינד! פֿון פֿאָטער דײַנעם זאָגסט זיך אָפּ —
גאָטס קללה זאָל דערפֿאַר אַפֿ דיר אַראָפּ.
זאָלסט פֿאַרן טויט פֿאַרגעסן אָן מײַן נאָמען,
און שטאַרבנדיק, ניט קאָנען מיך דערמאָנען. אָמיין.

סעווערוס.

צוריק אין פֿעסטונג!

פּנינא.

ליב וועט איצט מיר זײַן
די נעץ, די קעלט, די נעכט און טעג אָן שײַן,
מײַן טרער וועט לײַכטן מיר באַטאָג, מײַן הייסער רופֿ
צו אים — וועט ווערעמען באַנאַכט מײַן גוף,
ביז ער וועט קומען און צעוואַלגערן די ווענט
און מיך אַרויסטראָגן אַפֿ זײַנע שטאַרקע הענט.

אַנטאָניוס.

אין פֿעסטונג זי!

(מע פֿירט זי אַרויס. עס קומט האַסטיק אַרײַן אַ רוימער לויפֿער,
אַ פֿאַרשטויבטער, אַ פֿאַרוווּנדעטער.)

סעווערוס.

וואָס איז געשען?

רופֿינא.

וואָס האָט געטראָפֿן?

לויפֿער.

די שלאַכט — פֿאַרשפּילט.
אַ האַלבער לעגיאָן איז זיך צעלאָפֿן...

ס ע ו ו ע ר ו ס (מענאשען).

פאר דיר וועט שטענדיק אונדזער טיר זײַן אָפֿן.

(עליעזערן.)

דײַן קינד באפרײַען בין איך גרייט, נאָר, אלטער, גיי,
אין פֿאָלק אַן אומצופרידנקייט פֿאַרזיי
מיט דעם באַר־קאָכבאַ אײַערן.

(צו רופוסן.)

לעשט אויס די פֿײַערן!
פֿארשטארקט די וואַך!
מאָרגן טרעטן מיר ארויס אין שלאַכט!

דאָס צווייטע בילד

אין באַר־קאָכבאַס לאַגער. אין פֿאַרשיידענע ווינקלען — ש ל א כ ט ל ײַ ט. זיי שלאָפֿן און שײַערן דאָס געווער, אײַנציקווײַז קלײַבן זיי זיך אין אַ ראָד.

ע ר ש ט ע ר (גייט צו).

ס'איז געבליבן גאַנץ מײַן פּאַנצער.

צ ו ו י י ט ע ר.

און בײַ מיר דער שפּיז — אַ גאַנצער.

ד ר י ט ע ר.

און בײַ מיר די שווערד — נאָך גאַנץ.

א ל ע ד ר ײַ.

אַ טאַנץ! אַ טאַנץ!

פֿ ע ר ט ע ר (גייט צו).

ס'איז נאָך שטײַף פֿאַרגורט מײַן גאַרטל.

פֿ י נ פֿ ט ע ר.

און אַף מיר דאָס פֿערד טוט וואַרטן.

זעקסטער.

שטייט אונ ווארט אונ בײַסט די צוים.

אלע זעקס.

יאָגנ גרייט איז עס אפ רוים.

זיבעטער (גייט צו).

אונ בא מיר — א טאש מיט פײַלנ!

אכטער.

איכ בינ גרייט נאָכ לויפנ מײַלנ.

אלע.

קום, אוזיעל, אינ דער מיט,
אפ דײַנ פײַפל שפיל א ליד.

(אוזיעל שפילט, נאכמאָני זינגט.)

פײַל אונ בויגנ אָנגעצויגנ,
פלינקער פלי, מײַנ פײַל,
פלי ניט איבער,
זעסט, א גיבער
שטייט דאָרט פאר א מײַל.

ביז די צווייטע פײַל וועט גרייט זײַנ,
פלי זיכ דורכ דערווײַל;
ניט דער ערשטער,
ניט דער לעצטער
פאלנ פונ מײַנ פײַל...

(עס קומט אָנ באר-קאָכבא, גוט געשטימט.)

באר-קאָכבא.

זאָג, נאכמאָני, מיר, פארוואָס קאָנסטו ניט שפילנ
אפ דײַנ פאָטערס פײַפל?

נאכמאָני.

פרעג אוזיעלנ.

באר־קאָכבא (אוזיעלן).

דו האָסט אימ ניט געלערנט?

אוזיעל.

זאָל אימ לערנענ דער,
וואָס האָט געלערנט מיכ.

באר־קאָכבא.

ווער?

אוזיעל.

דער ווינט, דער פויגל אונ דער ריגנ.

באר־קאָכבא.

איז הער, נאכמאָני, אָט וואָס איכ וועל בא דיר פרעגנ,
ניט פרעגנ, ניינ, איכ האָב געוואָלט דיכ עפּעס בעטנ.
דו וואָלסט געטאָנ דאָס צוליב מיר?

נאכמאָני.

אלצ!

באר־קאָכבא.

אלצ? אונ אויב ס'וואָלט קאָסטנ דיר דײַנ לעבנ?

נאכמאָני.

אויכ א לעבנ! דרײַצנ יאָר. איכ וואָלט פאר דיר עס אָפּגעגעבנ.

באר־קאָכבא.

זאָג, וואָס וואָלסטו געטאָנ, ווענ איכ וואָלט דיר געהייסנ:
נאכמאָני, נעמ א בריוו אונ, ווי א פויגל, טראָג צו פּנינענ,
נאָר ווו זי איז — ניט איכ, ניט דו אונ ניט דער פויגל ווייסנ...

נאכמאָני.

דו שרײַב נאָר אָנ, איכ וועל זי שוינ געפינענ...

װעכטער.

שטילער! שטיל! א רוימער גייט.

נאכמאָני (שפּרינגט ארופ אפ דער װאנט).

ניט איינער גייט, זיי גייענ זאלבעצװייט,
אונ הינטער ביידנ זיי זיכ שלעפּט א דריטער.

באר־קאָכבא (עלישענ).

װײַזט אויס, אָנ װאסער זיצנ איז זיי ביטער.
גיי, הילעל, לאָז זיי דורכ, דעם טויער עפנ,
אונ איר, — זעצט פאָר דעם טאנצ, רוים זאָל אונדז טרעפנ
טאנצנדיק אונ קלאפּנדיק אינ טאצנ,
זיי זאָלנ זענ אונ אפנ אָרט דאָ פּלאצנ.

(עלישא, יעהוישוא, אונ נאָכ זיי אלע מיטאמאָל כאזערנ איבער
די טענצ אונ די געזאנגענ.)

כאָר.

שטעט אונ דערפער נײַנ הונדערט,
פּופּציק פעסטונגענ באזונדער
אָפּגענומענ בא דעם פײַנט.
יאָנטעװ, פריילעכ זאָל זײַנ הײַנט!

(אינמיטנ טאנצ קומענ אָנ: סעװערוס, אָנגעטאָנ װי אנ איינפאכער
אָפיצער, מיט אימ נאָכ צװיי רוימישע אָפיצערנ. מע בינדט זיי אָפּ די
אויגנ, דער טאנצ װערט איבערגעריסנ.)

סעװערוס (איראָניש).

כ׳באגריס אײַכ, זיגער, מיטנ יאָנטעװ.

באר־קאָכבא.

איז עפּשער װאָלסטו אונדז דעם קאָװעד אָנטאָנ —
אינ אונדזער יאָנטעװ אויכ א כיילעק נעמענ?

סעװערוס.

אינ מײַנע פליכטנ גייט עס ניט ארײַנ.

באר־קאָכבא (צו סעווערוסן).

דאָ אויסער אונדז מער קיינער דארף ניט זײַן?..
(דער אוילעם דערווײַטערט זיך).

און איצט דערלויב דערווײַזן זיך, מיט וועמען
איך האָב דעם קאָוועד ווערן דאָ באַקאַנט.

סעווערוס.

פלאַמיניוס־פּאַביוס, סעווערוס׳ אַדיוטאַנט.
(באַגריסט באר־קאָכבאַן אַפן רוימישן שטייגער.)

באר־קאָכבא
(באַגריסט אים אַפן יידישן שטייגער).

פאַרוואָס האָט ער געשיקט צו מיר אַהער
זײַן אַדיוטאַנט, און ניט אַליין געקומען,
איך וואָלט אים ווי געהעריק אויפגענומען.
קלײַב אויס דאָס אָרט. אַלץ גאַסט, כ׳גיב דיר דאָס רעכט.

סעווערוס.

זאָל זײַן אָט דאָ. איך פיל זיך דאָ ניט שלעכט.
(סעווערוס טוט אויס דאָס געווער און גיט עס איבער עלישען און יעהושוען.)

באר־קאָכבא.

מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אַזאַ מין ערע,
מײַן פײַנט מיט מיר זאָל ריידן אָן געווער?
ס׳איז מיר אַפילע גלייבן שווער.

סעווערוס.

אָן וואַסער זיצן אונדז איז עפּשער שווערער.

באר־קאָכבא.

כ׳וועל הייסן, מע זאָל ברענגען וואַסער גלײַך.

סעווערוס.

א דאַנק. ס׳קאָן אויספעלן אַמאָל נאָך אײַך.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

דערוויַיל מיט וואסער זיַינען מיר נאָך ריַיך.

ס ע ווע ר ו ס.

דערלויב מיר מעלדן דיר, נאָך וואָס איך בין געשיקט:
די ברונעמס עפּענען זאָלסט אונדז צוריק
און וואסער לאָזן אונדז נאָך היַינט פּארנאכט.
פון זינט דו האָסט די ברונעמס צוגעמאכט,
אויך דיַינע שמארבן אויס דאָרט צענדליקוויַיז...

ב א ר־ק אָ כ ב א.

נאָר וואסער פעלט איַיך? עפשער פעלט איַיך שפּיַיז,
און וויַין, געווער איַיך לייַען אפ א ציַיט?
כ'גיב וואסער באלד — נאָר איר די שטאָט באפריַיט...

ס ע ווע ר ו ס.

ווען דו וואָלסט אונדז די ברונעמס אומגעקערט...

ב א ר־ק אָ כ ב א.

וואָס וואָלט געווען?

ס ע ווע ר ו ס.

מיר וואָלטן דיר געשענקט
אָט די, וואָס האָט נאָך דיר זיך שטארק פארבענקט.
עס טרעפט, אויך איר פעלט וואסער אויס.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

ס'איז פנינא דאָ אין שטאָט?

(בלייַבט דערשטוינט.)

ווארט אויס... ווארט אויס...

(אנטשיידן.)

ס'איז איר געבליבן שוין ניט לאנג צו דאָרשטן, —
ניט היַינט, איז מאָרגן זיַין וועלן מיר דאָרטן.

סעוועדוס.

איך האָב דיר פאָרלייגן א צווייטע זאך:
געפאנגענע פאראַנ בא אונדז א סאך
פון אַיַערע. זיי קאָנען פרייַ ווערן נאָך היַינט.
נאָר אויב ביז נאכט קיין וואסער וועט ניט זיַין,
ווי אופגיין נאָר עס וועט דער ערשטער שטערן,
עס וועט ניט זיַין שויַן וועד באפרייַט זאָל ווערן.
מע קאָן זיי דאָרט ארויספירן, באפוילן:
א ברודער זאָל א ברודער זיַינעם קוילן,
אלייַן דער פאָטער זאָל זיַין קינד דערשטעכן...
ביז אָוונט האָסטו צייַט — באַרעכן...

באר־קאָכבא.

דו ביסט ניט ווערט דעם זאמד, וואָס אונטער דיַינע פיס!
די לופט, די שייַן פון טאָג ניט ווערט דו ביסט.
כ'האָב אויך געפאנגענע... ניט צווינג, איך זאָל דאָס זעלבע טאָן!
זיי קריגן וואסער דאָ און שפייַז, א קלייד אפ אָנצוטאָן...
און נאָר די שליכעס דיַינע האָסטו צו פארדאנקען,
דו וואָלסט פונדאנען ניט אוועקגעגאנגען.

סעוועדוס.

ניט איך, סעוועדוס האָט געהייסן איבערגעבן,
אז מיט דער שפיל דער בלוטיקער ער ווארט ביז נאכט,
בא אים אין האנט איז איצטער איבער זיי די מאכט,
בא דיר אין האנט — זיי ראטעווען דאָס לעבן.

באר-קאָכבא (פארטראכט זיך).

דערלויב דערוף דיר ענטפערן דערנאָך.
האָסט עפשער עפעס פאָרלייגן מיר נאָך?

סעוועדוס.

דאָס וויכטיקסטע געלאָזן כ'האָב אפ לעצט.
ווען דו וואָלסט וויסן נאָר, ווי הויך דיך שעצט
סעוועדוס...

באר־קאָכבא.

גיב אים איבער דאָרט א דאנק
און אז עס טוט מיר זייער, זייער באנק,
וואָס כ׳האָב דעם גרויסנ קאָוועד ניט געהאט
צו זעענ אים אליינ, נאָר זיינ סאָלדאט.

סעווערוס.

ס׳האָט מיר סעווערוס זייער פיל דערלויבט,
איכ בינ, ווי ער אליינ, בא אים באגלויבט.
ער האָט געשיקט פארטרויענ דיר א סאָד:
אז אויב דו וואָלסט איצט אָפּטרעטנ פונ שטאָט
און וואָלסט פארענדיקט מיט דער גאנצער שפּיל...

באר־קאָכבא.

שטיל!
קיינ וואָרט ניט מער! ניט פּרווו מער מיינ געדולד,
ווייל אפּ סעווערוס׳ קאָפּ וועט פאלנ דאנ די שולד...
(סעווערוס רוקט זיכ אָפּ.)

סעווערוס.

סעווערוס ווייט פונ דיר איז פאר א מייל,
און פאלנ קאָנ דיינ פויסט אפּ מיר דערווייל.

באר-קאָכבא.

געוואגט ווי האָסטו גאָר!

סעווערוס.

ער מיינט דיינ טויווע נאָר...
מיט רוימ דו שלאָגסט זיכ שוינ אָט באלד דריי יאָר.
גענוג. שוינ צייט, דו זאָלסט געניסנ,
ווי דו ביסט ווערט... ווענ דו וואָלסט שאָלעמ שליסנ
מיט אונדז... עס וואָלט דיכ גלייכ די רוימער מאכט
פאר הערשער איבער גאָר דיינ לאנד געמאכט.
עס איז דיינ גליק אצינד אינ דיינע הענט...
סעווערוסנ דאָס טאָנ ניט זייער שווער איז...

באר־קאָכבא (טוט זיך א כאפ).

איך בין געווען פארבלענדט!
מיר דאכט, דו ביסט אליין סעווערוס...

(סעווערוס — אין א פארלעגנהייט.)

אומזיסט געווען דיין קרומער גאנג, אומזיסט.
נאָך דיינע צייג דערקען איך, ווער דו ביסט.

(סעווערוס ענטפערט ניט.)

וואָס שווייגסטו? וויסן וויל איך, צי אליין
סעווערוס רעדט!

סעווערוס (פארביסן).

סעווערוס וועט צו דיר אהער ניט גיין.
די ברוגעמס עפנסטו, צי ניין,
און דאָס איז אלץ, וואָס דו קאָנסט פון מיר הערן.

באר־קאָכבא.

אזוי?

סעווערוס.

אָן וואסער אויב איך וועל צוריק זיך קערן,
דער לעצטער טאָג עס קאָן זיין היינט
פאר פייגען און פאר אלע דיינע פריינט,
וואָס ווארטן, דו זאָלסט שענקען זיי דאָס לעבן...

באר־קאָכבא.

כ׳וועל ביז דער נאכט אן ענטפער געבן...

סעווערוס.

איז עפשער וואָלסטו ווארטן אונדז פארשפאָרט
ביז נאכט, אן ענטפער געבן אפן אָרט?

באר־קאָכבא.

ביז אָוונט האָב איך צייט — דאָס איז מיין רעכט, —
דערמיט איז צווישן אונדז פארענדיקט דער געשפרעך.

(באר־קאָכבא קערט זיך אָפּ.)

ס ע ווע ר ו ס (שרייַט אויס).

איך גיי צוריק!

(עס קומען אָן די צוויי רוימישע באַגלייטער. סעווערוס טוט אָן דאָס געווער. עלישא און יעהושוע פאַרבינדן זיי אַלעמען די אויגן און פירן זיי אַרויס פונעם לאַגער. די ווימער דערווייַטערן זיך.)

ע ל י ש א.

וואָס האָבן זיי געוואָלט?

ב א ר-ק אָ כ ב א.

זיי ווילן,
באַר־קאָכבא זאָל דעם דאָרשט זייַ שטילן.
אויב ניט, זיי וועלן דאָרט
מיט אונדזער בלוט דעם צאָרן קילן.
פנינא! ברידער מייַנע!
כ'וואָלט מיט מייַן קאָפּ דאָס לעבן אייַך פאַרהיט,
נאָר וואַסער געבן — וועל איך ניט.

ס אָ ף פ ו ן ד ר י ט ן א ק ט.

פערטער אקט

דאָס ערשטע בילד

אין טפיסע. פנינא און מענאשע.

פנינא.

אויך איצט, געשמידטערהייט, געפעל איך דיר?

מענאשע.

אלץ, וואָס איך האָב פאר מײַן לעבן אָנגעגרייט,
גרייט בין איך דאָס אויסשפּרייטן מיט פרייד
פאר דיר, נאָר קום און קיניג איבער מיר.

פנינא.

מײַן לײַב איז אָפּגעצערט, מײַן הויט איז הארט,
דער טויט אהינטער מײַנע אקסלען ווארט.

מענאשע.

איך וועל פאר דיר א היילונג גלײַך געפינען,
די שיפן מײַנע ברענגען וועלן פנינען
דעם זאלב דעם טײַערסטן דאָס לײַב צו שמירן,
אין טראָגבעטלעך כ׳וועל איבער רוים דיך פירן...

פנינא.

נאָך רוים איך בענק ניט שטארק, און אף מײַן ערד, —

אויב זעען מײַנע באר-קאָכבא בין איך ווערט, —
צופוס שפאצירן וועט מיר זײַן ניט שווער.

מענאשע.

באר־קאָכבאן וועסטו שוין ניט זעען מער,
ער איז אין שלאַכט געפאלן... ווי א העלד...

פנינא (פארצווייפלט).

דאָס וואָרט האָט דיר אין האלדז זיך נישט געשטעלט!
ווי! פינצטערער געוואָרן איז די וועלט!

מענאשע.

איך האָב געוואָרנט אים: ניט הייב זיך אָן,
ניט זיך אליין — א פאָלק דו שטעלסט אין קאָן!
דער פײַנט אלץ שטארקער ווערט פון שאָ צו שאָ,
און מיר — אלץ שוואכער...

פנינא.

דו וואָס טוסט איצט דאָ?

מענאשע.

געקומען דיך באפרײַען פון די נאסע ווענט,
און וואָס באר־קאָכבא טאָן האָט ניט געקענט
צי ניט געוואָלט — טו איך. איין וואָרט נאָר זאָג —
דו גייסט מיט מיר, — וועסט פרײַ ווערן נאָך היינט ביז טאָג.

פנינא.

באר־קאָכבא לעבט! דו האָסט זיך שוין דערפרייט,
געמיינט, אז אים פארבײַטן בין איך גרייט
אף דיר.

מענאשע.

באר-קאָכבא האָט געוואָלט אף בלוט א טײַך
ארופשווימען און מיט די גרעסטע ווערן גלײַך...

פ נ י נ א.

דאָס פֿאָלק באַפֿרײַען איז געווען באַר־קאָכבאַס טרוים.

מ ע נ א ש ע.

דער וועג פֿון אונדזער פֿרײַהײַט ליגט דורך רוים.

פ נ י נ א.

מײַן גאָט, מיר פֿאַר א זינד ניט רעכן,
וואָס כ׳אָטעם פֿון אײַן לופֿט מיט דעם פֿאַרברעכער,
מיט דעם פֿאַרעטער, וואָס צום סוינע לויפֿט
און פֿאַר א זאַק מיט גאָלד זיך קנעכטשאַפֿט קויפֿט.
און וויל אויך קויפֿן מיך...

מ ע נ א ש ע (דרייט זיך האַסטיק אויס צו איר).

דו, פּנינא, מיינסט, אַז רוים האָב איך אין זינען.
כ׳וויל פֿאַר מײַן פֿאָלק די קראַפֿט פֿון רוים געווינען.
פֿאַר האַלטן אָרדענונג אין לאַנד — קריג, רוים, א העלפֿט,
דערפֿאַר די צווייטע האַלב — באַשיצן העלפֿ
פֿון פֿרעמדע הענט, וואָס פֿליקן נאָכאַנאַנד
דאָס לאַנד, וואָס ליגט בא יעדן אונטער האַנט.
און דו — דו רופֿסט מיך אָן דערפֿאַר פֿאַרעטער...
ווער ס׳איז פֿון אונדז גערעכט — מיר וועלן זען שפּעטער.

פ נ י נ א (אויסער זיך).

פֿון אָט אַזעלכע פֿאַלשע, דין־געשפּינטע רייד
איז דעם פֿאַרעטערס קלייד
פֿון אייביק אָן געוועבט.
אומזיסט האָסטו אַף מיר א נעץ געשפּרייט,
באַר־קאָכבא לעבט! באַר־קאָכבא לעבט!

מ ע נ א ש ע.

איז וואַרט אַף אים און דאָ אין קעלער בלײַב,
ביז ווערעם וועלן אויפֿעסן דײַן לײַב,
ביז אויסגיין וועסטו פֿאַר א טראָפּן וואַסער, לופֿט,
און קיינער וועט ניט הערן מער דײַן רוף...
צום לעצטן מאָל איך פֿרעג, איך בעט, איך וואָרן...

פּ נ י נ א.

כ'וועל שטאַרבן צוליב אים — כ'בין צוליב אים געבאָרן.

(מענאַשע האַסטיק אָפּ. פּנינאַ אַליין.)

באַר־קאָכבאַ, אויב אַפילו דו ביסט טויט,
דו ביסט געווען געזעכט...
נאָר דאָ צווישן ווענט, אונטער טירן געשלאָסענע,
ווער וועט זיי הערן, די טרערן פאַרגאָסענע,
ווער וועט זיי קלייבן, די פּערל פאַרלאָרענע,
ווער וועט דערפרייען מיין האַרץ?

(שטיל, איינגעהילט אין אַ טוך, קומט אַריין ז אַ ג י ר.)

זאַגיר, מיין פריינט,
ביסט איין מאָל שוין געווען דאָ היינט,
ווי ביסטו נאָכאַמאָל איצט דורכגעגאַנגען?

ז אַ ג י ר.

די גוטע געטער האָב איך צו פאַרדאַנקען...
היינט שטייט דאָרט אָפּ דער וואַך אַ גריך,
וואָס איז, ווי דו, ווי איך,
בא זיי געפאַנגען,
ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און גלייך געזאָגט מיר:
— קריך.

פּ נ י נ א.

קיין וואַסער איז ניטאָ?

ז אַ ג י ר.

כ'האָב ניט געקאָנט מער קריגן.

פּ נ י נ א.

איינגאַנצן אויסגעטריקנט שטייט דאָס קריגל.

ז אַ ג י ר.

זיי האַלטן דאָך דאָס וואַסער אונטער שלאָס,
אויך מיר באַקומען וואַסער מיט אַ מאָס.
כ'האָב, פּנינאַ, ניט אומזיסט געאיילט אַהער...

פ נ י נ א.

שוין בעסער דאָרשט, שוין בעסער פאלן פון א שווערד,
ווי הערן דאָס, וואָס איך האָב איצט געהערט:
כ'וועל מײַן באר־קאָכבא קיינמאָל שוין נים זעען מער, —
ס'האָט גאָט באר־קאָכבאס לעבן נים פארהים!

ז א ג י ר.

ער לעבט! ער לעבט! ווי מײַנע געטער לעבן...

פ נ י נ א.

די געטער דײַנע לעבן ניט.

ז א ג י ר (עטוואָס דערצאָרנט).

זיי לעבן,
ווי דײַן באר־קאָכבא לעבט! א לויפער איז געקומען.

פ נ י נ א.

ער לעבט!

ז א ג י ר.

באר־קאָכבא האָט א נײַע פעסטונג ערשט פארנומען.

פ נ י נ א.

ער לעבט!

ז א ג י ר.

די רוימער זײַנען זיך צעלאָפן...

פ נ י נ א.

איצט קאָן איך ווידער האָפן?!
נאָר איך בין מיד און אָפגעשוואכט.
די פרייד, וואָס דו האָסט מיר געבראכט,
דארף היילן מיך, נאָר זײַן וועט אויך מיר ליב
דער טויט... עס לעבט באר־קאָכבא!

ז א ג י ר (אנטשלאָסן, נאָר זייער צאַרט).

פנינא, גיב
א סימען מיר — כ'וועל איינשטעלן דאָס לעבן —
זיך דורכרייסן צו אים און אלץ אים איבערגעבן.

פ נ י נ א.

א סימען פרעגסטו? הער:
די גליקלעכסטע כ'וועל זיין צעווישן פרויען,
אין וואלד מיר וועלן אונדזער כופּע בויען.

ז א ג י ר (כאַזוערט איבער).

די גליקלעכסטע וועסט זיין צעווישן פרויען...
ער איז שוין דאָ ניט ווייט, און ער וועט גיך
די שטאָט פארנעמען און באפרייען דיך.
און עפשער מיך?

פ נ י נ א.

דיך אויך...

(זאגיר קלייבט זיך אוועקגיין.)

דו גייסט?..

ז א ג י ר.

איך מוז שוין גיין,
כאָטש ס'טוט מיר באנק דיך לאָזן איצט אליין.

פ נ י נ א (דערמונטערט).

נו, גיי געזונט, זאגיר,
דאָס גליק זאָל ווייזן דיר
דעם וועג.

ז א ג י ר.

אונדז ביידן.

(אוועקגייענדיק.)

איך שיידן היינט מיט איר... ווי כ'וואָלט זיך מיט מיין לעבן
שיידן.

(אָפּ.)

פ נ י נ א (אליין).

מײַן גאָט, די הימלען איך צעעפן,
איך זאָל אינ װעג קײנ בײז ניט טרעפן.

(פלוצעם װי דערשראָקן.)

זאגיר!
דו ביסט דאָ ערשט געװען מיט מיר,
ארויס, און דו ביסט פרײַ — װײַל פאָרט ביסט ניט געשמידט.
נו, זאָג, זאגיר, דו פרייסט זיך שטארק דערמיט?
ס'װערט יעדער זאַך דאָך ליבער, װען דו װערסט זי אָן...
זאגיר, כ'פארגינ די פרײַהײַט דיר, נאָר װען איך קאָן,
דו װייסט, באר־קאָכבא, װאָס איך װאָלט געטאָן?
איך װאָלט זיך, װי א װינטעלע, אינ װעג
געטראָגן לײַכט צו דיר אריבער בארג און טאָל...
באר־קאָכבא... הײַנט צום ערשטן מאָל
עס טוט מיר װיי, װאָס װייניק האָסטו געקענט
די זיסע װארעמקײַט פון מײַנע הענט,
דעם שטילן ציטער פון מײַן יונגן לײַב,
װאָס דו האָסט מיך ניט אָנגערופן װײַב...
זאגיר... זאגיר... גיב איבער אים אזוי:
ס'האָט שוין געגידערט אפ מײַן פעלד דער טוי,
דער װײַנגאָרטן, ער בליט, און איך בין גרייט.
נאָר קום און רײַס די פרוכטן אָפ.

(זינגט.)

צו מײַן געלעגער טראָגט צו װײַן,
טראָגט עפל צו און שפרייט אויס בלומען...
װען װעלן מיר צוזאמען זײַן?
װען װעכטו צו מיר קומען?

װער גייט?

(הערט זיך אײַן.)

באר-קאָכבא — דו? ניין, ניין, ניט ער.
װי קומט באר-קאָכבא איצט אהער?
די אויגן מאכן זיך מיר צו —
דאָס ביסטו?
די הענט מײַנע, זיי װערן פרײַ,
װי פליגלען שפרייטן זיי זיך אויס...

. . . .

באר-קאָכבא, נעם פונדאנען מיך ארויס!

. . . .

(עס קומען אָן לוציוס און אנטאָניוס. אנטאָניוס בלײַבט אומבאמערקט.)

פנינא (דערשראָקן).

ווער איז?

לוציוס.

א פרײַנט.

פנינא.

ניטאָ קיין פרײַנט אין אָט די ווענט.

לוציוס.

וואָס קוקסטו אזוי ווילד, — דו האָסט מיך ניט דערקענט?

פנינא.

אויב האָסט אמאָל ארײַנגעקוקט אין מײַנע אויגן,
די טרערן אָפּגעוואשן האָבן דײַן געשטאלט...

לוציוס.

פארוואָס, מײַן קינד? דו וועסט זיך איבערצײַגן באלד,
ניט אַלע רוימער זײַנען שלעכט און גלײַך דערצויגן.
אויב עמעצער האָט דיר בייז געטאָן, כ׳וויל טאָן דיר גוטס:
כ׳וועל געבן טרינקען...

פנינא.

וואסער... זאָג מיר, וועלכע נוץ
ווילסטו דערפאר פון מיר באקומען?
פאר דאָרשט די צונג, זי קלעפּט זיך מיר צום גומען.

לוציוס (אין פארלעגנהייט).

פאר העלפן אין א נויט איך בעט ניט קיין געצאָלטס —
אן עכטער רוימער איז מיט מענטשן-ליבע שטאָלץ.

ניט נאָר מיט וואסער שטילן כ'האָב געוואָלט דיין דאָרשט...
איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, כ'האָב אויסגעפאָרשט.
צוליב א קליינקייט, צוליב א וואָרט געשמידט
דו זיצסט, באפרייען דיך אינגאנצן קאָן איך ניט,
נאָר גרינגער מאכן דיר איז איצטער אויך ניט שפעט,
וועסט קריגן וואסער באלד...

פּניגא.

דער לייב, אויב נאָר ער גלעט
דאָס שעפּעלע, איז ניט אומזיסט... וואָס דארף איך טאָן?

לוציוס.

אין שטאָט קיין וואסער איז ניטאָ.
זאָג, וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען דו וואָלסט אים געפונען,
דעם מענטש, וואָס האָט פאר אונדז פארשלאָסן אלע ברונעמס,
דעם שולדיקן אין טויט פון איידלסטע און שענסטע פרויען...

פּניגא.

כ'וואָלט אפּ די קני פאר אים געשטאנען גאנצע שאָען,
איך וואָלט געבעטן וואסער, כ'וואָלט געמאָנט,
איך וואָלט געטאָן אלץ, וואָס איך וואָלט געקאָנט.

לוציוס.

דער שולדיקער געפינט זיך הינטער אָט די ווענט,
די ברונעמס עפענען פאר אונדז וואָלסטו געקענט.
א רוימער איז דאָך אויך א מענטש...

פּניגא.

וואָס דארף איך טאָן?

לוציוס.

מיר וועלן דיך ארויספירן צו אים און מאָן
די ברונעמס עפענען... זאָג, קינדער גייען אויס,
און זאָג: ס'האָט קיינער ניט געצווונגען דיך ארויס...

פ נ י נ א.

ווי הייסט דער שולדיקער?

לוציוס.

באר־קאָכבא, דאכט מיר.

פ נ י נ א.

באר-קאָכבא! דו?!

(פארטראכט זיך א רעגע. פאר זיך.)

עס האָט דיין פיינט פון דיר א גוטן גרוס געבראכט מיר.

(צו לוציוס.)

איך גיי. ער וועט צעעפענען די ברונעמס צוליב מיר.
ער וועט איך געבן טרינקען וואסער — צוליב מיר.

לוציוס.

דו וועסט באלד זען דעם, וואָס דו האָסט ליב.

פ נ י נ א.

די ליפן מיר באנעצן גיב.

(אנטאָניוס דערלאנגט איר וואסער, זי טרינקט דורשטיק.)

און איצטער הייס מיך אָפבינדן פון קייט.

(אנטאָניוס באפרייט זי פון קייט.)

ווי קאָן איך גיין צו אים אזוי געקליידט?

לוציוס.

כ'האָב אלץ פאָרויסגעזען, כ'האָב אלץ פארגרייט.

(אנטאָניוס דערלאנגט איר איר קלייד. פנינא אָפּ אין ווינקל זיך איבערטאָן. צו אנטאָניוסן.)

ביז זי וועט אויסגיסן איר ביטער הארץ פאר אים...
דערוויל פאר יעדן טייל אן אָרט, א צייט באשטימ,
ס'וועט זייערביידנס פרייד ניט האָבן גאָר קיין ברעג...

א נ ט א ָ נ י ו ס.

עס זיינען שוין די טיילן מיינע גרייט אין וועג.
פון רעכטס און לינקס—פארשליסן אין א קריַיז,

(עס קערט זיך אום פנינא און בלייבט אונטערהערג.)

און פאר באר־קאָכבאס קאָפּ באשטימט האָב איך א פּריַיז.
זיי האָבן שוין א לאנגע צייַט זיך ניט געזען,
ער וועט אפילו גאָר ניט וויסן, ווען
מיר האָבן אים אריַינגעכאפּט אין קלעם...

פּ נ י נ א (פאר זיך).

א בייזע שפּיל... ס'איז אלץ פארטראכט נאָר צוליב דעם!
צו פרי איר פרייט זיך נאָך — ס'וועט ניט געשען!
באר־קאָכבא, ניין, כ'וועל קיינמאָל דיך ניט זען...
מיַין הארץ, זיַי שטארק! באר־קאָכבאַן ניט פארשעמ!
(פנינא גייט ארויס אפן פאָדערגרונט.)
און איצטער קאָן איך גיין דיַין ווילן טאָן.

ל ו צ י ו ס.

געדענק, אז ניט נאָר פּנינעס לעבן שטייט אין קאָן,
אריבער אלע איַיערע — די שווערד, זי הענגט,
ס'איז זייער לעבן איצט בא דיר אין האנט — געדענק!
וואָס וועסטו זאָגן אים?

פּ נ י נ א.

אז אויסגיין בין איך גרייט פאר דאָרשט, און קינדער וועלן גערן
פון זייער מוטערס ברוסט די מיַילכעלעך פארקערן,
מיט טרערן וועלן פרויען שטילן זייער דאָרשט, מיט טרערן...
(אנטאָניוס כאפּט זי פאר די הענט.)
עס וועלן אלטע לייַט זיך אָפּזאָגן די ליפּן צו באנעצן.

ל ו צ י ו ס.

צוריק זי אפ דער קייט אנידערזעצן!

פּ נ י נ א (רייַסט זיך אויס).

באר־קאָכבא, ווען דאָס פאָלק איז דיר נאָר טייַער,—
אויב ניט מיט וואסער — נעמ די שטאָט מיט פיַיער!..
(אנטאָניוס דערשטעכט זי. פנינא מיט די לעצטע קויכעס.)
מיַין לעצטער אָטעם — דיר, באר־קאָכבא,
מיַין לעצטער אָטעם — דיר, מיַין פאָלק...

דאָס צווייטע בילד

באגינענ אינ באר־קאָכבאס לאגער. אפ דער ערד—שלאָפנדיקע שלאכטלײַט. בא דער זײַט—פאנצערס אונ קרוגנ וואסער. א ו ז י ע ל שטייט אפ דער וואכ בא באר־קאָכבאס בײַדל. ב א ר־ק אָ כ ב א זיצט ניט ווײַט פונ דעמ בײַדל, זינגט.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

ס'גייט די זונ אופ אונ זי שײַנט
אונדז אזוי, ווי אונדזער פײַנט.
וואָס וועט ברענגענ הײַנט דער טאָג?
עפשער ווייסטו, וועכטער, זאָג.

שוימער מא מילײַלאָ?
שוימער מא מילייל?
עפשער ווייסטו, וועכטער,
וועכטער, מיר דערצייל.

נאָכ דער שלאכט ארומ דעמ בארג —
מײַנע העלדנ שלאָפנ שטארק;
אָפגעטריבנ קוימ דעמ פײַנט, —
וואָס דערווארט אונדז ווידער הײַנט?

שוימער מא מילײַלאָ?
שוימער מא מילייל?
עפשער ווייסטו, וועכטער,
וועכטער, גיכ דערצייל.

(א רעגע שטילשווײַגנ.)

נו, אוזיעל, וואָס האָט אונדז געבראכט
די נאכט?

א ו ז י ע ל.

איכ האָב געקוקט אפ מײַרעוו,
איכ האָב געקוקט אפ צאָפנ,
שטיל — ס'איז קיינ זאכ ניט פארלאָפנ...

ב א ר־ק אָ כ ב א.

צו שטיל... מײַנ אויער איז געוווינט צו קלעפ,
צומ קלאנג פונ שטאָל אָנ שטאָל — דערמיט איכ לעב,

מיט דעם כ׳שטיי אוף, מיט דעם — איך לייג זיך שלאָפֿן...
איז וואָס זאָגסטו — ס׳איז קיין זאַך ניט פֿאַרלאָפֿן?..

אוזיעל.

ניין... איך האָב געקוקט אַף מיזרעך,
איך האָב געקוקט אַף דאָרעם,
אַף גאָר דעם וועג — עס וואַלגערן זיך פּגאָרים.
אַ סאַך, אַ סאַך דער סוינע האָט פֿאַרלאָרן...

באַר־קאָכבאַ.

אויך אונדז ניט ווייניק האָט געקאָסט,
מיר האָבן אויך אַ סאַך גיבורים אַפֿן וועג געלאָזט.
דער טויט האָט צווישן אונדז זיך טיף פֿאַרקליבן...

אוזיעל.

דערפֿאַר די שטאָט איז אונדזערע געבליבן...
פֿון זינט זיי האָבן אונדז פֿון פֿעסטונג אָפּגעטריבן,
וואָס ווײַטער גייט אַלץ באַרג־אַראָפּ,
שטאָט נאָך שטאָט צוריק זיי נעמען אָפּ...

באַר־קאָכבאַ (זינגט טרויעריק).

כ׳בין צו דיר אַראָפּ אין טאָל,
די בערג פֿאַרלאָזן און די היילן,
לאָז הערן, ליבסטע, מיך דײַן קאָל —
מײַן בענקשאַפֿט אויסצוהיילן.

(ער גייט צו נאָענט צו אוזיעלן.)

אוזיעל, ווי מיינסטו, זי לעבט?

אוזיעל.

ווער?

באַר־קאָכבאַ.

דו ווייסט ניט ווער?

אוזיעל.

באר־קאָכבא, הער:
ערשט היינט באנאכט,
איך שטיי אזוי זיך אף דער וואך...
ניין, ניט געדרעמלט, כ'האָב זיך נאָר פארטראכט,
און ס'זיינען פלוצעם מיר ארופגעקומען אפן זינען...
ווייסטו ווער?

באר־קאָכבא.

ווער?

אוזיעל.

דו מיט פנינען.

באר־קאָכבא.

דערצייל, דערצייל. דו האָסט געזען זי פונדערנאָנטן?
און וואָס איז זי געווען געקליידט?

אוזיעל.

אין שענסטן יאָנטעוודיקן אָנטאָן,
און איך האָבביידן איי דעם גאנצן וועג באגלייט
אף מיין טרומייט,
וואָס כ'האָב געבראכט נאָך פון דער היים,
וואָס אויסגעקנאָטן כ'האָב פון בעטסטן רויטן ליים...

באר־קאָכבא.

פונדעסטוועגן האָסט לאָזן אונדז באדארפט אליין.

אוזיעל.

איך האָב זיך אופגעכאפט — דערהערט א שווערן קרעכץ,
דערזען: דו קערסט זיך אלץ — פון לינקס אף רעכטס,
ווי עמעץ וואָלט געפייניקט דיך אין שלאָף...

באר־קאָכבא.

פארוואָס בין איך אזוי געשטראָפט?
ניין, עפעס איז מיט איר געשען.

איך האָב זי אויך די נאכט געזען.
ס'איז עמעצ איבער איר געשטאנען.
די ווערטער אירע האָב איך קוים פארשטאנען,
כ'האָב נאָר געהערט פארצווייפלונג אין איר שטים:
באר־קאָכבא! זע, פאר אלצ, פאר אלצ באצאָל אים.
איך האָב געוואָלט דערשטיקן אים — נאָר ס'איז געווען א כאָלעם...

אוזיעל.

שוימער מא מיליילאָ?
שוימער מא מילייל...

(אפן וועג באווייזן זיך שאָטנס. באר־קאָכבא נעמט זיך פארן געווער. אוזיעל גייט גלייך אנטקעגן די שאָטנס. עס קומט אָן נאכמאָני. עס גייט אים אנטקעגן באר־קאָכבא.)

נאכמאָני.

מיר האָבן דיר געפאנגענע געבראכט...
באנאכט
מיר האָבן זיי פארהאלטן אפן וועג.

באר־קאָכבא.

צו מיר זיי ברענגען.

נאכמאָני.

זיי האָבן זיך בא אונדז געבעטן,
מיר זאָלן זיי דאָס לעבן שענקען...
זיי האָבן זיך געפרעגט אפ דיר און גייען אָן געווער.

(אָפּ. עס קומט עלישא מיט צוויי געפאנגענע, א פארטער און א סירייער.)

דער סירייער.

באר־קאָכבא איז דאָ ווער?

אוזיעל.

ער.

דער סירי ער.

ס'איז אונדזער לעבן איצט בא דיר אין האנט.
מיר לעבן זייער לאנג שוין דאָ אין לאנד,
מיר זייַנען דאָ געבאָרן און געוואָרן אַלט,
און איצט — דו יאָגסט ארויס אונדז מיט געוואַלט?
עס איז פון דיר אונדז אָנגעקומען א באפעל:
מע זאָל אונדז אַלעמען פאַריאָגן פונעם פעלד
און פון די הייַזער אונדז פארטרייַבן.
אז ווער ס'איז ניט קיין ייִד, דער זאָל אין לאנד ניט בלייַבן.
ווען דו באפוילסט אונדז ארויסשעכטן,
וואָלט אונדז געוועזן גרינגער!

באר-קאָכבא (שטייט האסטיק אוף).

איך וועל אייַך הייסן אָפּשנייַדן די צינגער —
איר האָט א שלעכטן גאנג זיך אויסגעקליבן:
איר לייַגט, איך האָב אזעלכעס קיינמאָל ניט געשריבן...
(אוזיִעלן.)

דערווייַל פיר אָפּ זיי און פארשפאר.
(מע פירט זיי ארויס.)

דערנאָך ניט וואַרט,
גלייַך יויסין ברענג, זאָג, אים באר-קאָכבא רופט.
(אוזיִעל אָפּ.)

באר-קאָכבא.

עלישא, ווי מיינסטו, דעם סוינע האָבן מיר אָפּ לאנג פארטריבן?
ס'איז ווייניק שפּייַז געבליבן.

עלישא.

פון שטאָט ארויסגיין וועלן מיר געוויס באווייַזן,
אָט זעסט, צוריק, איך ווייס ניט, צי דער וועג וועט פרייַ זייַן.
ס'איז ווינציק וואסער אויך... כ'האָב שוין געהערט: מע רעדט,
מע דארף זיך אונטערגעבן, ביז עס איז ניט שפּעט.

באר-קאָכבא.

ווער רעדט?

ע ל י ש א.

ער וועט שוין מער ניט ריידן.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

זאָג מיר ווער?

ע ל י ש א.

צוריק אים אופלעבן אפילע דיר עס וועט זיין שווער.

(באר־קאָכבא בלייבט זיצן שטיל. עלישא ווארט אָפּ א רעגע און זעצט פאָר.)

שוין רעגנס־צייט, און זע, די זון גאָר אָן ראכמאָנעס שיינט,
נאָר זאָרג זיך ניט, עס קאָן א שלאקסרעגן אראָפּ נאָך היינט
מיט וואסער אָנפילן די גריבער,
און ניט נאָר פול מאכן, נאָר ס׳זאָל אריבער.

(עס קומט אָן י ו י ס י א באוואָפנטער.)

י ו י ס י.

דו האָסט געשיקט מיך אופוועקן. וואָס האָט געטראָפן?

ב א ר־ק אָ כ ב א.

ביסט נאָך פארשלאָפן?

י ו י ס י.

איך האָב זיך נאָך ניט אויסגערוט. מע זאָגט, מע האָט געבראכט
געפאנגענע — דו ווילסט זיי מישפּעטן, האָב איך געהערט.
דער פיינט גיט איבער אונדז צום שארפ פון שווערד,
מיר דארפן טאָן דאָס זעלבע אויך מיט אים, און כ׳טראכט:
עס איז אפילע איבעריק גאָר דער געריכט...

ב א ר־ק אָ כ ב א.

ניט זיי איך קלייב זיך מישפּעטן — נאָר דיך...

(יויסי צעלאכט זיך ווילדיונגעריש און רייסט איבער אינמיטן.)

י ו י ס י.

פאר וואָס? כ׳בין ריין פון זינד.

באר־קאָכבא.

אַט ווי אַ ערשט געבאָרן קינד,
נאָר טויטשטראָף האָסט פאַרדינט.

יוסי.

איך?

באר-קאָכבא.

דו!
פון אַ באַפעל אַזאַ האָסטו געהערט?
אַז ווער ס'איז ניט קיין ייִד — פאַרלאָזן מוז די ערד,
אויף וועלכער ער און זיינע זיידעס לעבן?
ווער האָט דיר רעכט אויף דעם געגעבן?
דו האָסט באַר־קאָכבאַס נאָמען אויסגענוצט...
זאָג, וועמען האָסט דערמיט געוואָלט טאָן גוטס?
דו, יוסי, ווייסט, וואָס דאָס באַטייט?
אין אַזאַ צייט, ווען זייט בײַ זייט
מיט מיר זיך שלאָגן ניט נאָר ייִדן,
נאָר גריכן, סיריער, וועלכע זיינען ניט צופרידן
מיט רוים, זיך שלאָגן איצט מיט אונדז צוזאַמען,
דו וואָלסט פאַר אַ באַפעל אַזאַ מײַן
פונדאַנען מער שוין ניט אַרויס,
כאָטש דײַן פאַרדינסט ביז היינט איז גרויס.
צי, יוסי, דו פאַרשטייסט עס ניט?
דער סיריער, און דער פּאַרטער, און דער גריך —
זיי ווילן פרײַ ווערן פון רוים אַזוי ווי איך,
בײַ אַלעמען בײַ אונדז דער זעלבער ציל...

יוסי.

ניין, איך — פאַרגיסן בלוט איך וויל
פאַר זיך — דאָס לאַנד זאָל בלײַבן פרײַ
פאַר ייִדן נאָר, און אויב דערבײַ
עס דאַרף דער גריך זײַן פעלד פאַרלירן,
דער סיריער דאַרף אַוועק צו זיך קיין סיריען —
אַ שאָד... נאָר ווייסן וועט דער גריך,
אַז באַלעבאָס אין לאַנד בין איך,
און זייער גורל ליגט בײַ אונדז אין האַנט.

באר־קאָכבא.

ווער ס׳גייט דאָס לאַנד באַפרײַען — יענעמס איז דאָס לאַנד.
(צו אוזיעלן.)
פיר זיי אַרײַן...

יויסי.

נו, אויב אַזוי — באַפרײַ מיך פון מײַן פליכט.
(נעמט אויסטאָן דאָס געווער.)

באר־קאָכבא.

צו פרי... דו דאַרפסט נאָך שטיין פאַרן געריכט...

יויסי

(זעצט פאַר אויסטאָן זיך.)
ס׳קאָן יויסי טאָן דען אַלץ, ווי דו פאַרשטייסט?

באר־קאָכבא.

דאָ דאַרפסטו טאָן אַלץ, וואָס באַר־קאָכבא הייסט.
(אוזיעל קומט אָן מיט די געפאַנגענע.)
א באַפעל א צווייטן וועסטו מוזן שרײַבן,
די אַלע מענטשן זאָלן אָפּ די ערטער בלײַבן:
יעדער בא זײַן גאָרטן, יעדער בא זײַן שײַער,
און די, וואָס העלפן מיר, — באַפרײַען אויך פון שטײַער.
(יויסי קלײַבט זיך ארויסגיין.)
ס׳קאָן דער געבונדענער אַליין זיך ניט באַפרײַען!

יויסי.

זאָג, עפשער זאָל איך אָפּ די קני זיך שטעלן
פאַר זיי?

באר־קאָכבא.

אז איך וועל הייסן — וועט שוין זײַן צו שפּעט.
באַגריסן זיי, ווי פרײַנט. איך וואַרט.
(יויסי פאַרנייגט עטוואָס דעם קאָפּ.)
איצט גיי און נעם א ברעט

און מיט דײַן האנט אליין שרײַב אָן, אז די באפעלן,
וואָס דו האָסט אָפּגעגעבן, — זײַנען גאָרניט ווערט,
אז דו האָסט מיר געשוואָרן בא דער שווערד
אזעלכעס מער ניט טאָן...

(באר־קאָכבא דערלאנגט אים זײַן שווערד. יויסי בארירט זי קוים מיט די ליפּן.)

איצט ריכט זיי אויס,
באוואָרן — זיי זאָלן אָן שטערונגען ארויס...

פּארטער (באר־קאָכבאן).

איך צווישן אונדז דײַן נאָמען וועט איצט ווערן גרויס,
און דײַן גערעכטיקײַט פארשפּרייט ארום אין אלע לענדער...

(יויסי, דער סיריער און דער פּארטער — אָפּ. אוזיעל נאָך זיי.)

עלישא.

עס האָט זיך יויסי זייער שטארק געענדערט:
מיט איין יאָר פריער איז ער גרייט געווען דיר
דאָס לעבן אָפּגעבן פאר יעדן איינעם,
וואָס גייט אנטקעגן רוים מיט אים אינאיינעם,
און הײַנט — אויב ניט קיין ייִד, —
ער גלייבט אים ניט,
ער האלט מיט אים זיך פרעמד און ווײַט,
ער האָט אים פײַנט אפילע — נאָר ער לײַדט.

באר־קאָכבא.

איך קאָן עס ניט פארשטיין. ס'איז מיר גאָר פרעמד
אָט דאָס געפיל. כ'וואָלט זיך מיט דעם געשעמט.

(פלוצעם זייער רויק, נאָר הארב.)

פאר דעם באפעל און פאר אזוינע גאנגען
איך וועל אים ניט באדאנקען...

(עס דערהערט זיך א טרומייט. עס קומט אָן יעהוישוא אין וואָפן.)

יעהוישוא.

ס'איז נעכטן דאָ געווען א שווערע שלאכט...

עלישא.

ערשט ווען צוגעפאלן איז די נאכט,
די לעצטע זיינען אפגעטראטן.

יעהוישוא.

און אונדזערע?

באר־קאכבא.

א סאך.

יעהוישוא.

פאראט! כ׳לייג איין דעם קאפ, אויב בא דעם פיינט
איז ניט פאראן
א האנט פון אונדזערע, ווייל אנדערש קאן ניט זיין,
זיי זאלן דורך דעם וועג אהער אין שטאט אריין.
דער וועג געוועזן איז אומבאוווּסט.
פון אונדזערע דארט זיצן מוז
אזא, וואס פירט צוזאמען מיט סעווערוס די מילכאמע...

באר־קאכבא (רויק, נאך אנטשלאסן).

כ׳קאן אנרופן זיין נאמען...
(פון דער הייך פאלט אראפ א פייל, און אף דער פייל אף פארמעט
א צעטל. עלישא גיט איבער באר־קאכבאן דאס צעטל. באר־קאכבא
לייענט אין דער הייך.)

„צו אלע די, וואס האבן וויניק ברויט
און וואסער וויניק.
צו די, וואס האבן זיך פארייניקט
ארום באר־קאכבאן, וועלכער פירט אייך צו א הונגער־טויט!..
דאס לעבן קויפן זיך איר קאנט:
די רוימער אנפירונג בא אייך נאך מאנט
באר־קאכבאס קאפ.
און די באלאגערונג זיי נעמען גלייך אראפ,
אפילע היינט.
דאס ווארנט אייך א גוטער־פריינט,

װאָס איז מיט אײַך — אײַנ פֿלייש אונ ביינ...
ס'איז אײַער לעבנ אינ די הענט בא אײַך אליינ".

(באר־קאָכבא צעלאכט זיכ.)

װײַזט אויס, עס איז מײַנ קאָפּ נאָכ עפּעס װערט...
אונ עפּשער װאָלט איר טאקע זיכ באקלערט:
צוליב באר־קאָכבאס קאָפּ א שטאָט, א פֿאָלק עס לײַדט...

יעהוישוא.

צו פֿירנ שפּאס ניט איצטער איז די צײַט,
ניט דאָ דאָס אָרט.

באר־קאָכבא.

נאָר איצט איז אײַך שוינ קלאָר,
אז אומעטום איז נאָר מענאשעס האנט?

עלישא.

ער האָט פֿארקויפֿט דעמ פֿײַנט דאָס לאנד.

יעהוישוא.

אינ שטאָט, פֿונוואנענ כ'קומ,
פֿונ דאָרשט אונ הונגער קומט מענ אומ:
סעווערוס האָט פֿארשפּארט אונדז אינ א קרײַז,
אונ ניט קיינ וואסער צופֿירנ אונ ניט קיינ שפּײַז:
מע מוז די שטאָט ארויסרײַסנ פֿונ קלעמ.
איכ בינ אהער געקומענ צוליב דעמ.

עלישא.

מע טאָר קיינ טאָג זיכ מער ניט זאמענ.

באר־קאָכבא.

מיר װעלנ מאָרגנ זײַנ מיט אײַך צוזאמענ.

עלישא.

מיר זײַנענ גרייט — באשטימ נאָר, װעמענ
דו שיקסט. מיט יויסינ װאָס װעט זײַנ?

באר־קאָכבא.

יויסי וועט דאָס מאָל ניט אַנטלויפן נעמען.

יעהוישוא.

ער איז פארוואונדעט?

באר־קאָכבא.

ניין, באשטראָפט.

יעהוישוא.

פאר וואָס?

עלישא.

ער האָט פארדינט די שטראָף. דו האָב ניט קיין פארדראָס,
דו וועסט זיך אלץ דערוויסן.

באר־קאָכבא.

אזוי, אז מיר באשליסן:
צוויי מאכנעס גייען היינט פון שטאָט ארויס.
ניטביידע מיטאמאָל, נאָר איינע גייט פאָרויס.
די ערשטע פירט יעהוישוא, און, עלישא; דו —
די צווייטע. ביז דער נאכט איר גרייט זיך צו.
און צו פארטאָג — דעם פיינט ארום פארגייט.
איר זעט אים טרעפן אומגעריכטערהייט
ארום די טויערן פון שטאָט.
צוריק — ניט אָפטרעטן קיין טראָט
ביז לעצטן מענטש און לעצטער שווערד!
(עס דערהערט זיך א געשאל פון טרומייטן.)
וואָס איז געשען דאָרט — איר הערט?

(זיי לויפן אלע ארויס. עס קומט אָן הילעל. נאָך אים — א מאכנע
שלאכטלייט מיט טראָפייען פון רוים — א גאָלדענער אָדלער, פאָנען און
געפאנגענע. צווישן זיי — זאגיר. מע כאפט זיך קושן, ארומנעמען.
די געפאנגענע פירט מען אָפ אָן א זייט. ארום זיי אפ דער וואך שטייט
דער קוסי. א גרויסע אופלעבונג.)

הילעל.

באַר־קאָכבא האָט פאַרויס דעם פײַנט געטריבן,
און הילעל האָט פון הינטן זיך פאַרקליבן,
און דאָס איז גאָר, וואָס פונעם סוינעס מאכנע איז געבליבן.

(באַווײַזט אף די געפאנגענע.)

זאגיר

(צום קוסי, ווײַזט אף באַר־קאָכבאן).

אָט דאָס איז ער?

(דער קוסי שאָקלט מיטן קאָפּ אף יאָ.)

באַר-קאָכבא.

און זי — ווי קומט אהער?

הילעל.

מיט זיי צוזאמען
זי איז אף אונדזער זײַט אריבער...

(באַר־קאָכבא גייט צו צו די געפאנגענע. אלע פאַרנייגן זיך פאַר אים.)

באַר־קאָכבא (צו די געפאנגענע).

איר האָט שוין לאנג געגעסן און געטרונקען? (זיי שווײַגן.)

הילעל.

ער פרעגט, צי לײַדט איר הונגער? (זיי ענטפערן ניט.)

באַר-קאָכבא.

איז, ערשטנס, פירט זיי אָפּ און גיט זיי עסן.

איין געפאנגענער.

מיר וועלן דיר דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

באַר־קאָכבא (צו זאגירן).

און דו, וואָס קוקסטו אלץ אראָפּ?
נאָך דיר ניט שווער איז צו דערקאָנען,

אז דו ביסט ניט קיין רוימישע מאטראָנע.
הייב אוף דעם קאָפּ
און קוק מיר אין די אויגן גלײַך:
וואָס האָט געצוווּנגען אײַך
אהער, צום פײַנט, אריבערלויפן?
מיר קאָנען טויטן אײַך צי אײַך פאַרקויפן
אריבער יאַמען — ווײַט, פאַר שקלאַפן און פאַר קנעכט,
איך האָב דאָס רעכט
טאָן אַלץ מיט אײַך, ווי מיר געפעלט.

זאגיר.

העלד!
וואָס וועט זיך ענדערן, דאָך נאָר דאָס אָרט.
א שקלאַפן כ'בין געווען אויך דאָרט.
אויך זיי געוועזן זײַנען קנעכט ביז הײַנט,
געלאָפן זײַנען מיר, נאָר ניט צום פײַנט.
קאָנסט טויטן מיך — אַף דעם דאָס רעכט האָסטו,
איך האָב אליין זיי אײַנגערעדט דערצו,
אז בעסער איז צו זײַן בא דיר געפאנגען...

באר־קאָכבא (שטרענג).

נאָך וואָס ביסטו אהער געגאנגען?

זאגיר.

צו זעען דיך — כ'האָב נאָר פון דיר געהערט.
דערפרייען דיך — נאָר ס'איז מיר ניט באשערט...

באר־קאָכבא.

דו האָסט יעדיעס מיר געבראכט,
ווען ס'גרייט סעווערוס זיך אין שלאכט?

זאגיר.

ניין, ניין...
„די גליקלעכסטע כ'וועל זײַן צעווישן פרויען,
אין וואלד מיר וועלן אונדזער כופּע בויען"...
(באר־קאָכבא בלײַבט דערשטוינט.)

ב א ר־ק אָ כ ב א.

פונ וועמענ האָסטו דאָס געהערט?

ז א ג י ר.

פונ איר אליינ.
כ׳האָב איר געזאָגט, איכ קלײַב זיכ איבערגיינ
צו דיר אהער.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

אונ אז איכ לעב, זי ווייסט?

ז א ג י ר.

זי האָט געוווסט.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

וואָס הייסט?

ז א ג י ר.

ווײַל איצט זי ווייסט שוינ ניט.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

וועסט גיינ צו איר צוריק.

ז א ג י ר.

צוריק, מײַנ האר, ניט שיק,
איכ וועל ניט גיינ.

ב א ר־ק אָ כ ב א.

זי לעבט, צי ניינ?

ז א ג י ר.

ניינ...
(באר־קאָכבא פאלט אפ דער ערד אונ בלײַבט ליגנ ווי פארגליווערט.)
די געטער האָבנ מיר א שווערע פליכט פארטרויט:
א י ר זאָגנ, אז דו לעבסט, אונ ד י ר — אז זי איז טויט.

באר־קאָכבא.

עלישא, יעהושוא, גייט.
ביז נאכט בלײַבט ווייניק צײַט.
און זי — מיט קאָוועד נעמט זי אופ און זי באפרײַט...

(זאגיר פארנייגט זיך און דערווײַטערט זיך, עלישא, יעהושוא אָפ.)

ווי געשריִען, פנינא, פנינא, ליבסטע מײַנע,
צי וועל איך געפינען דאָרט דעם קיוער דײַנעם?
האָסט געהאָפט, געוואַרט אַלץ, איך זאָל צו דיר קומען,
אין די הענט באם סוינע ביסטו אומגעקומען.
ווי געשריִען, ליבסטע, ווי געשריִען, פנינא!

(עס קומען אָן פרויען, צווישן זיי ראָכל און ברוריא.)

ראָכל (באוויינענדיק).

טעכטער מײַנע, טעכטער, פארפײַניקטע, פאריאָגטע,
אומגעקומענע זײַט איר, דורך קיינעם ניט באקלאָגטע.
שוועסטער מײַנע, שוועסטער, אף גאָר דער ערד צעזייטע,
הײַנט באוויינט איר פנינען, אף טרערן וואַרט א צווייטע.
זויגקינדער בא מוטערס פון שויס ארויסגעריסן,
א ברודער פון זײַן שוועסטער מער קיינמאָל וועט ניט וויסן.
קינדער מײַנע, קינדער, פארוואָגלט און פארלאָרן...
גאָט! אף אונדזער סוינע זאָלסט אויסגיסן דײַן צאָרן...

ברוריא.

כ'וועל דיך, פנינא, ניט באוויינען, ניין.
מײַנע טרערן זעט ניט קיינער, ניין.
פון דעם צאָרן, וואָס אין הארצן ברענט,
מײַנע טרערן ווערן אויסגעטריקנט
איידער נאָך זיי קומען אף דער וועלט...

אוזיִעל.

צאָל אָפ, באר־קאָכבא, פאר דירעס פארגאנגענע,
צאָל אָפ פאר אַלע געפלאָגטע, געפאנגענע,
צאָל אָפ פאר אַלע אין קנעכטשאפט געבאָרענע,
צאָל אָפ, באר־קאָכבא, פאר אַלץ.

(עס קומט אָן ראבי אקיבא.)

באר־קאָכבא.

ראבי אקיבא, ס׳איז דײַנ סײכל, ווי דער הימל קלאָר,
דײַנ הארצ איז ריינ אונ ביסט געבענטשט מיט לאנגע יאָר,
האָסט מיט דײַנ כאָכמע בערג צעשטויבט,
די טיפ פונ יאם דו ווייסט...
ראבי אקיבא, כ׳פאָדער... כ׳מאָנ בא דיר א טרייסט...

אקיבא.

דײַנ ווײ איז טיפער פונ דעמ יאם.
דײַנ קראפט איז שטארקער פונ די בערג.
מיט לאנגע יאָר בינ איכ געבענטשט,
נאָר איכ בינ אויכ ניט מער דאָכ, ווי א מענטש...

באר־קאָכבא.

דער צאר, די פײַנ פארשטעלט האָט מיר די שײַנ.
וואָס זעסטו, ראבי?..

אקיבא.

ביז דאָס פאָלק א פאָלק וועט זײַנ,
צווישנ זײַנע העלדנ וועסט פארעכנט זײַנ,
מײַנ קינד. אונ איצט שטיי אופ
אונ רופ
אהער די מאכנעס דײַנע,
אונ אלע, וואָס אינ שטאָט געבליבנ זײַנענ, —
פונ קליינ ביז גרויס.
קיינ איינער זאָל ניט בלײַבנ אינ זײַנ הויז, —
א כיירעמ אפ מענאשענ רופ איכ אויס,
אונ אויכ אפ די, וואָס זײַנע אייצעס הערנ, —
זיי אלע זאָלנ פונ דעמ פאָלק פארשניטנ ווערנ.

(באר־קאָכבא גיט אָפ א שטומענ באפעל אוזיעלנ. אוזיעל אונ די פרויענ אָפ.
אקיבא נאָכ א קורצנ שטילשווײַגנ.)

כ׳האָב שטענדיק זיכ בארימט,
אונ שטענדיק כ׳פלעג מיט גרויסקײַט זאָגנ:
כ׳האָב קיינמאָל נאָכ קיינ טויטשטראָפ ניט ארויסגעטראָגנ,
קיינ כיירעמ ניט דערקלערט, אונ הײַנט בינ איכ צופרידנ,
וואָס פארנ טויט כ׳קאָנ אויסראמענ דאָס בייז צעווישנ יידנ.

יִדישער שלאכטמאַן

(קומט אָן און ווענדט זיך צו באַר־קאָכבאַן).

איך בין גאַנצפרי אַרויס די וועכטער בייטן,
איך זע, ווי עליִעזער רוקט זיך פונדערווייטן.
איך האָב אים גלייך דערקענט.
כ'האָב אים אַריינגעלאָזט אין שטאָט,
נאָר ניט אַרויסגעלאָזן פון די הענט.

באַר־קאָכבאַ.

פיר אים אַריין.

(שלאַכטמאַן אָפּ. עס קומען אָן הילעל, עלישא און יעהושוע.)

עלישא.

וואָס האָסטו, ראַבי, רופן אונדז געשיקט?
אין שלאַכט מיר גרייטן זיך...

אקיבא.

איר וועט באַלד גיין צוריק
צו אייער שווערד און שפּיז, צום בויגן, צו דער פייל.
נאָר כ'וויל, אַז איר זאָלט אויסהערן דערווייל...

(עס קומט אַריין עליִעזער, באַגלייט דורך אוזיִעלן און דעם שלאַכטמאַן.
ביסלעכווייז קומען זיך צונויף די שלאַכטלייט.)

אַן אַלטן גאָטספאַרכטיקן מאַן, וואָס איז מיט טוירע פול,
ווי פול דער מילגרוים איז מיט יאָדערס. נאָר זיין שולד
איז גרויס מיט דעם, וואָס זיין האָט ער געוואָלט
מיט יענע, וואָס פאַרגיסן בלוט פון אונדזער פאָלק.
ער איז באַנאַכט אַרויס פון שטאָט, אַוועק צום פיינט.
עלישא, הילעל, יעהושוע, זייט ריכטער היינט!

(זיי זעצן זיך אויס אין אַ האַלבן קרייז.)

באַר־קאָכבאַ.

זעסט, עליִעזער, אָט די מענטשן אַלע וואָלט דער פיינט געקעפּט,
און עליִעזער איז געווען באַם לייב אין מויל — און לעבט.

עלישא.

זאָג, וואָס האָסטו אים צוגעזאָגט דערפאַר?

ע ל י ע ז ע ר.

מײַן קינד איז דאָרט...

ב א ר-ק אָ כ ב א.

געװען... װוּ איז זי איצט?

ע ל י ע ז ע ר.

װען דו ביסט אױף איר אָרט,
עס װאָלט מײַן קינד געלעבט.

ב א ר-ק אָ כ ב א.

דו האָסט דײַן קינד פֿאַרשאָלטן דאָך...
מיט װאָס װעסטו פֿאַרענטפֿערן זיך נאָך?
דו האָסט דעם סױנע שטענדיק טרײַ געדינט,
דו האָסט אַלײן געטױט דײַן קינד.

ע ל י ש א.

דו ביסט סעװערוס' רעכטע האַנט געװאָרן.

י ע ה ו י ש ו א.

מיר האָבן צוליב דיר אַ סאַך, אַ סאַך פֿאַרלאָרן.

א ק י ב א.

װאָס האָסטו דאָרט געטאָן?

ע ל י ע ז ע ר.

זיך אומגעשלעפּט
פֿון דאָרף צו דאָרף, פֿון שטאָט צו שטאָט,
געפּרײדיקט גאָטס געבאָט,
און ניט מילכאָמע, — דאָס, װאָס דו האָסט טאָן באַדאַרפֿט,
און ניט געטאָן.

י ע ה ו י ש ו א.

דו האָסט אַקעגן אונדז אַ שװערד געשאַרפֿט.

עליִעזער.

עס לעבן ייִדן ניט נאָר דאָרטן, וווּ באַר־קאָכבא הערשט,
די טוירדע אונטערהאַלטן מוז מען אומעטום.
ניט אַלע קוקן אַף די זקיינים אַזוי קרום, —
פון דאָרטן קום איך ערשט.

עלישא.

זאָג, מענאַשען האָסטו דאָרט געזען, באַגעגנט?

עליִעזער.

געזען.

עלישא.

און ער פלעגט אויך בא דיר נאָר זיינים פרעגן?

עליִעזער.

דער דין האָט זיך אַליין אַף מנאַשעס זייט געשטעלט.

אקיבא.

דער בעסדן — ניט דער דין.

באַר־קאָכבא.

אויב מענאַשע אויך דעם דין געפעלט —
געפעלט מיר ניט דער דין.

(נעמט אַרויס די שווערד.)

עליִעזער.

אויב זאָגן האָסט אונדז געקענט, —
זאָל גאָט זי דיר אַרויסשלאָגן פון דיינע הענט.

(באַר־קאָכבא טוט זיך אַ ריס צו עליִעזערן. אקיבא באַרויִקט באַר־קאָכבאַן.)

אקיבא.

די הענט דיינע — זיי זאָלן בלייבן ריין,
ער שטייט פאַרן געריכט...

(נאָך אַ קורצן ייִשעוואַדאַס מיט די ריכטער.)

עלישא.

מילכאָמע-צײַט װער ס'טרעט ארויס אנטקעגנ
זײַנ פאָלק, אפילע צוליב גאָט צי צוליב זײַנ טוירע װעגנ,
זײַנ שטראָפ איז — טויט אונ דורכ א שװערד!

(עס דערהערט זיכ א בלאָזנ פונ שויפרעס. אקיבא טײלט זיכ אָפּ באזונדער.)

אקיבא.

אָרור!.. מענאשע! זאָלסט פארשאָלטנ זײַנ,
אינ לײַב אונ בלוט די קלאָלע זאָל ארײַנ!
דײַנ טיר זאָל פאר דײַנ פײַנט נאָר אָפנ זײַנ,
אונ שלאנגענ זאָלנ אינ דײַנ שטוב ארײַנ.
אונ אויכ פאר די, װאָס פאָלגנ דיכ, — זאָל אָט דער גוירל זײַנ!

שטימענ.

אָמײנ, אָמײנ.

(שויפרעס.)

אקיבא.

אָרור, מענאשע!
דײַנ גאָלד אונ זילבער זאָל פאר פרעמדע זײַנ,
דײַנ שאָפ אונ רינד זאָל פאר די כײַעס זײַנ.
דײַנ נאָמענ זאָל אינ פאָלק א קלאָלע זײַנ,
דער טויט זאָל טרעפנ דיכ, װוּ דו װעסט זײַנ! —

(ער קערט זיכ אויס צו עליעזערנ.)

אויכ, עליעזער, דײַנער זאָל דער גוירל זײַנ...

(א געדריקטע שטילקײַט.)

עליעזער (שרײַט אויס).

אקיבא!
דעם אלטנ עליעזערנ אינ כײרעם װארפסט ארײַנ?!

אקיבא.

טויט זײַנ שטראָפ דארפ זײַנ!

שטימענ.

אָמײנ! אָ־אָ־מײנ!

(שוּיפּרעס. אלע די, וואָס זיינען געשטאנענע ארום עליִעזערנ, שיידנ זיכ האסטיק אָפּ פונ אימ. עליִעזער קערט זיכ אויס אונ נעמט זיכ דערווייטערנ. ווענ עליִעזער גלייכט זיכ אויס מיט יויסינ, פארדעקט יויסי דאָס פּאָנעמ מיטנ ברעג פונ קלייד. אפ באר־קאָכבאס שטומענ באפעל באגלייטנ צוויי שלאכטלייט עליִעזערנ פונדערווייטנ.)

אקיבא

(וויייזנדיק אפנ אוועקגייענדיקנ עליִעזערנ).

פארלאָרנ גייִנ מוז דער, וואָס האָט דעמ וועג צומ פאָלק פארלאָרנ,
ווער ס'פּרוּווט זיכ מיט דער האנט פארשטעלנ פונ זיינ שיינ:
ניטאָ קיינ שטראָפּ קיינ גרעסערע, ווי פונעמ פאָלק דער צאָרנ,
ניטאָ קיינ גרעסער גליק — פונ אימ געליבט צו זיינ.

יויסי (דערנעענטערט זיכ צו אקיבאנ).

קרוינ פונ פאָלק! איכ בינ אפּ מנאשעס וועגנ ניט געגאנגענ,
אויכ עליִעזער האָט מיכ ניט געפאנגענ
מיט זיינע רייד. די אייצעס זיינע האָב איכ ניט געהערט,
נאָר פאָרט כ'בינ זינדיק אונ א שטראָפּ כ'בינ ווערט.
איכ האָב באר־קאָכבאס גלייכנ וועג פארקרימט,
אונ וועלכע שטראָפּ איר ווילט — אפּ מיר באשטימט.
נאָר אויב דער וועג פונ טשוּווע איז פאר מיר נאָכ אָפנ,
איכ בעט דיכ מיט קיינ כיירעמ מיכ ניט שטראָפנ.
ווענ ס'גייט מיינ פאָלק אינ שלאכט, איכ קאָנ ניט זיינ אלייִנ.

(צו באר־קאָכבאנ.)

דערלויב אויכ מיר צוזאמענ מיט עלישאנ גייִנ.

באר־קאָכבא.

ווּעסט מוזנ בלייבנ דאָ. ווּעסט זיינ מיט מיר...
ווייל ס'איז דיינ זינד נאָכ ניט פארגעבנ דיר.

אקיבא.

אויב ס'גייענ פונ דער טיפ די ווערטער, וואָס מיר הערנ, —
זאָל עפּשער אימ די זינד פארגעבנ ווערנ?

עלישא.

דאָס רעדט ניט יויסי — ס'רעדט אינ אימ די שרעק,
ער זאָל ניט זיינ ווי דער, וואָס איז ניט לאנג אוועק.
ער וועט ניט איינ מאָל נאָכ א וואקל טאָנ זיכ אפנ וועג.

נ א כ מ אָ נ י (שרײַט אויס).

אוי, טוט א קוק — די זון אין וואָלקנ איז ארײַנ!
עס וועט א גרויסער רעגנ זײַנ!

(אלע הייבנ אופ די קעפּ, עס טוט א קלאפּ א דונער.)

א ק י ב א.

גיי, יוסי, גיי, מײַנ קינד.
נעמ אָנ פאר ליב דײַנ שטראָפ,
וועסט מוזנ אויסקויפנ דײַנ זינד.

(עס דערהערט זיך א טרומייט. יוסי פאלט אפּ דער ערד, טוט א קוש דעמ זוימ פונ אקיבאס קלייד. שטייט אופ. יוסי אונ אקיבא צעגייענ זיך אינ פארשיידענע זײַטנ.)

ב א ר-ק אָ כ ב א.

די מאכנעס אײַערע מאכט גרייט!

י ע ה ו י ש ו א.

ערשטע מאכנע!

ש ט י מ ע נ.

גרייט!

ע ל י ש א.

צווייטע מאכנע!

ש ט י מ ע נ.

גרייט!

ה י ל ע ל (צומ קוסי).

אונ, קוסי, דו די פאָנ וועסט נעמענ.

ק ו ס י

(נעמט אונ טוט א קוש די פאָנ אונ זאָגט ווי מיט א שווּע).

איך האָב ביז הײַנט זי ניט פארשעמט
אונ וועל זי ווײַטער ניט פארשעמענ!

(אָפּ. באר־קאָכבא אליינ. עס קומט אָנ נ א כ מ אָ נ י.)

נ א כ מ אָ נ י.

אונ איך גיי אויך. איך בינ שוינ אויסגעוואקסנ.
איך גרייך, באר־קאָכבא, דיר שוינ ביזנ אקסל.

ביז הײַנט כ'האָב שלאָגן זיך געהאָלפן יענעם —
שוין צײַט אַלײן זיך שלאָגן קענען.

באר-קאָכבא

(גיט אים איין די הענט א שווערד).

דו זאָלסט זי האַלטן טײַער.

(נאכמאָני האלט די שווערד פאר ביידע עקן, ווי ער וואָלט בא איר געשוווירן.)

נאכמאָני.

איין אָט דער שווערד ליגט אונדזער פרײַהײַט!

(באר-קאָכבא טוט א קוש נאכמאָנין, ער גייט אוועק ווײַ לעצטער. עס ווערט פינצטער. פון א הייל פון אונטער דער ערד קריכט אַרויס מענאשע.)

מענאשע.

פון אַלע קרומע וועגן איז דער גלײַכסטער דער.
זיי זײַנען שוין אוועק. אנטאָניוס, — אהער!

(פון הייל קריכט ארויס אנטאָניוס, נאָך אים — נאָך רוימער. פון אַלע זײַטן קומט אָן רוימיש מיליטער. אנטאָניוס גיט אָפ א שטומען באפעל, און דאָס מיליטער פארשווינדט. אנטאָניוס — נאָך זיי. מענאשע באגעגנט זאגירן.)

מענאשע (שטארק פארוווּנדערט).

וואָס טוסטו דאָ, באם פײַנט?

זאגיר.

מיט גוטן ווילן
בין איך אהערצו זיכער ניט געקומען...

מענאשע.

שטילער...
ווו איז באר-קאָכבא, ווייסטו ניט?

זאגיר.

אין שטאָט
איז ער ניטאָ.

מענאשע.

און ווער איז דאָ אָנשטאָט
באר־קאָכבאן?

זאגיר.

עפּעס יונגווארג. שרעקן זיך ניטאָ וואָס.
דער עלטערער איז דאָרט.

מענאשע.

זאָגסט עמעס, צי דו טרײַבסט קאטאָוועס?!
מיט פײַער שפּילסט.

(עס קומט אָן באר־קאָכבא.)

באר־קאָכבא.

א גאסט! דו ביסט אליין דאָ? ווער
האָט אָנגעוויזן דיר דעם וועג אהער?

מענאשע (אָנווײַזנדיק אױף זאגירן).

זי.

באר־קאָכבא.

דו לײַגסט. ביסט נאָך באם זינען צי דו ביסט שוין דול?
דו מיינסט, די מאָס פון דײַנע זינד איז נאָך ניט פול?!

(זאגיר אָפּ.)

מענאשע (דערשראָקן).

פרעגסט ווער?
געפירט האָט מיך אהער די שאנד,
וואָס כ'בין געווען א שפּיל באם פײַנט אין האנט.
געבראכט האָט מיך דער גוטער ווילן דינען דיר,
אויב דו וועסט נאָר דאָס לעבן שענקען מיר.
דעם וועג איז מיר געווען גרינג געפינען:
כ'טראָג דיר א לעבעדיקן גרוס פון פּנינען.

באר־קאָכבא (אויסער זיך).

א לעבעדיקנ גרוס פונ דער, וואָס איז שוינ טויט?!

(באר־קאָכבא דערשטעכט אימ. מענאשע פאלט.)

ס'איז מיר א שאנד, וואָס ס'איז דיינ בלוט ווי מיינ בלוט רויט,
וואָס ס'האָט אמאָל א מוטער דיכ געהאט, —
עס וועלנ טויזנט טויטנ ניט פארווישנ דיינ פאראט...

מענאשע (אויסגייענדיק).

דאָס לעבנ אויסשפייענ איז מיר ניט שווער.
נאָר ווער...

(שטארבט).

באר־קאָכבא.

דאָס פאָלק!

(אונ אלע זייטנ פליענ ארויס יידישע שלאכטלייט, נאָכ זיי מיט א דורכוויסיקער וואנט פונ פאנצערס — רוימיש מיליטער. עס קומט פאָר א געשלעג. עס קומט אָנ אנטאָניוס. דאָס מיליטער בלייבט ווי פארגליווערט.)

אנטאָניוס

(ווארפנדיק זיך מיט דער שווערד אפ באר־קאָכבאנ).

מיינ שווערד,
דעמ קאָפ פונ אלע קנעכט האק אָפ!

באר־קאָכבא.

א קנעכט, ווי נאָר ער נעמט די שווערד אינ האנט,
ער ווערט אויס קנעכט.

(עס צעברענט זיכ א געשלעג צווישנ באר־קאָכבאנ אונ אנטאָניוסנ. צולעצט פאלט אנטאָניוס שווער פארוווּנדעט.)

אנטאָניוס.

רוימ! דו האָסט...

באר־קאָכבא.

אָנגעהויבנ גוט, פארענדיקנ וועסט שלעכט.

(אנטאָניִוס שטארבט. פונביידע זײַטנ — דערהארגעטע. א רעגע איז באר־קאָכבא אפ דער סצענע אליינ, עס קומענ אָנ נאָכ רוימער. באר־קאָכבא דערהארגעט איינעמ, נעמט צו בא אימ די שווערד אונ שלאָגט זיִכ מיט צוויי שווערדנ. באר־קאָכבא ווערט פארוווּנדעט. עס קומענ אָנ מאכנעס יִידישע שלאכטלײַט. אוזיִעל ברענגט אפ די הענט, א טויטנ, נ א כ מ אָ נ י נ, לייגט אימ אוועק פאר באר־קאָכבאנ.)

אוזיִעל.

מײַנ גאָט! צי דענ האָסטו די פרייד מיר ניט פארגינט,
האָסט ניט פארהיט מײַנ קינד!

באר־קאָכבא.

ניט ווײנ! דײַנ קינד אונדז אלעמענ געהערט!
(באר־קאָכבא בייגט זיִכ אָנ, טוט א קוש נאכמאָנינ.)
ווײַל ווער שטארבנ ס׳איז באשערט
פאר פרײַהײַט פונ זײַנ פאָלק — בלײַבט לעבנ שטענדיק.
(עס דערהערט זיִכ א טרומייט.)
אינ שלאכט! אינ שלאכט! די שלאכט איז ניט פארענדיקט!

פאָרהאנג.

Редактор М. Винер
Техредактор А. Фридкин
Корректор З. Глобус

Сдано в набор 2/II 1939 г. Подписано к печати 28/V 1939 года
Формат бумаги $58 \times 88^1/_{16}$, 8 п. л.
уч. изд. лист. 8
Уполномоченный Главлита РСФСР
А-12363. „Дер Эмес“ № 199.
Тираж 3000. Зкказ 396

Цена 4 руб. Переплет 1 руб. 50 к.

17-я тип. нац. книги Огиза РСФСР, треста „Полиграфкнига“, Москва
Шлюзовая наб., д. 10